STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04958

SHIRE METSAR VE-TIKVAH

Meyer Juzint

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Helen Schutzman
in honor of Norman Schutzman's birthday, July 23, 2000

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שירי

מצר ותקוה

מהרב

מאיר יוזינט

שיקגו

לידער

פון

נויט און האָפענונג

Address of the Author

RABBI MEYER JUZINT

549 W. Aldine Avenue, Apt. 3

Chicago 13, Ill.

בדפוס בן־ציון לעווקאוויטש

INTERNATIONAL TYPESETTING COMPANY

204 S. Kedzie Avenue

CHICAGO

602

הקדמת הגיונות

בתעלומי רעיונות

„מן המצר קראתי קה — ענני במרחב קה"

קראתי, התפללתי והעתרתי לשם „מן המצר, מן עמק הבכא, והשי"ת „ענני במרחב". [עפ"י יסוד ביאור הגר"א ז"ל.]

הרחיב והציל אותי הצעיר והדל בישראל, מהפראים ששמו אותי בכבלי ברזל והעמיסו עלי פצעים הכי איומים, פגעים ויסורים בלת אנושיים, במשך ארבע השנים שהייתי — אך לא חייתי — ... „במחנות ההרג".

ואחרי שזיכני קוב"ה להוציא לאור שני ספרי „נחמת מאיר" הכוללים חידושים על ש"ס ומוסרי התורה, עם ספר „מדות ודרך ארץ", וגם שם חלקי בין מחנכי הדור על פי דרכי התורה. אשירה לשם ואגידה „זה קלי ואנוהו".

שאף בהיות מצבי בבחינת הדין, אנוהו ואכיר חסדי השם שגמל עמדי מאז ועד עתה.

ואגיד „אשרינו" בעד העבר, אומר „מה טוב" בעד ההווה, ואביע „מה נעים" בעד העתיד.

הסירו היענים עטרת ראשי בחורבן משפחתי הקדושה. הטילו עלי כאב על כאב — אבל לא לקחו את הקדושה שבנפשי שבה קדשתי שם שמים ברבים, בדעתי כי רק בזה חפץ השם בבראו האדם והיצירה.

האמנתי שיעלה אותי השם מבור השאון, וקויתי להכיר טובה בשירי תהילה לאלקינו.

וזהו באמת מה שנכתב במדרש ש"ר, פרשה כ"ג: „א"ר

נחמיה לא זכו ישראל לומר שירה על הים אלא בשביל אמונה, שנאמר ויאמן העם, וכתיב ויאמינו בהשם ובמשה עבדו".

ולכאורה יש לשאול, איך יתכן כי עם אשר היה שנים רבות שקוע בעבדות רכש בין לילה נפש משוררת מצוינה להשמיע נשגבות?

אך יש לפעמים אשר תתעמק נפש האדם ברעיון הממלא בתי נשמתו ומקשר בזה תקוותיו ושאיפותיו. ואז לפתע פתאם, יביע את משאת נפשו ורגשותיו ברעם, ואזנינו תשמענה ממנו נשגבות אשר לא פללנו לשמוע ממנו.

והוא מה שאמר ר' נחמיה „מהיכן זכו ישראל לומר שירה?" — לאמר איך הגיע פתאם למעלה כזאת, הלא מעולם לא למדו פרק בשיר? מאין להם שפה נאה, לב רגש וכשרון לקבל הרשמים מאת החמרים הנושאים את מהות השירה ובדיוקה עצום?

על זה משיב: „בזכות האמונה". כי אותה האמונה היתה כל כך תקועה בלבם והיתה ממלאת את נפשם, וכאשר נתמלאה תקותם פרצו שפתותם בשיר — לפי שהאמינו בזה מכבר.

כן אנכי הקטן, היתה לי האמונה בימי היגון, באמונה זו התרכזו כל תקותי ונימי נפשי, וכשבאו ימי הפדות חנני אלקים בצחות הלשון ובתפארת השירה ללבש מחשבותי בציורי הדרת הטבע וביופי השושנים.

השירה היא עתיקה כימי האדם על הארץ. השירה היא שונה מכל התכונות האחרות, היא נחלת כל המין האנושי, שלכל העמים יש שירה כתובה ובלתי כתובה.

אך שונה היא שירת ישראל כי נובעת מעמקי הלב, מקדושת האמונה ונושאה שירי תהילה למי שאמר והי' העולם.

„כחוט השני שפתותיך, — בשעה שאמרו ישראל את השירה, — אז ישיר משה — ומדברך נאוה שמראין באצבע ואומרים: זה קלי ואנוהו, באותה שעה התחיל משה משבחן וכו' [מדרש שיר השירים] פירושו מעולה היא השירה מצד צורתה, שהשפה יפה ונעימה מאד, „כחוט השני שפתותיך".

אבל מה שנאה גם אצלנו ביותר היא „ומדברך נאוה",

שמדברך ותוכן השירה נאוה, שאינו מחזיק בקרבו שירי עגבים, רק שירים של קדושה, שירי הטבע שברא השם, והמשוררים שלנו הרגישו בטהרתם הטבעית ואמרו — „זה קלי ואנוהו".

ובזה שמח משה ואמר (גם שם במדרש) „פלח הרמון רקתך, הריקן שבכם רצוף מצוה כרמון הזה וכו', על הצנועין והמצו־מתין שבכם". פירושו, כי גם השירי חול של עם ישראל, אותם אשר שרו וכתבו הצעירים שבהם, תוכנם היה קודש, כי בכולם היה צער וגעגועים של עם ישראל על אלקיו ותורתו.

ואל ישאל אדם „מה לשירה ולתורה"? איזה קשר יש בין עם התורה ולשירה?

כי עיקר שירה מן התורה היא, כמו שאמרו חז"ל במסכת ערכין דף י"א ע"א: „אמר ר"י אמר שמואל מניין העיקר שירה שהיא מן התורה, שנאמר ושרת בשם השם אלקיו, איזהו שירה שב"ה הוי אומר זו שירה".

כי על ידי השירה אנו מרגישים יותר את פיוט ונועם היצירה. על ידה יפתחו לנו עולמות חדשים, על ידי השירה יקיצו הכחות הכי נסתרים בנו לחיים, להשיג את הוד תפארת היפה וגם להנעים. בהשירה תכוסה הכיעור שבגשמיות ותתן אצילות להשפלות שבחיים.

על כן קראו חז"ל לשירה „עבודה שבשם", מפני שהיא רמה ונשא ועל ידה יתרומם האדם משפל מצבו החומרי ויתקרב עצמו אל הנעלה והנשגב שביצירת קודשא בריך הוא.

כתבתי השירים בשפות עברית וזרגנית להמציא הנאת־חן להקוראים בשתי השפות. ואם רק לקורא אחד יוקל קצת מהדאגות שבעמקי נפשו על ידי קריאת השירים, כמו שהוקל לי בעת כתבי אותם, זה יהיה חלקי מעמלי.

שם זה ספרי היא „מצר ותקוה", כי גם בימי המצר המצור והיגון, גם בהימים שדמי נשפכו כמים ממש, נחה עלי התקוה בהשי"ת, ושפכתי מיתרי נפשי בשירי תהלה ותחנונים לצור ישראל וגואלו.

ומתוך שמחבב השי"ת את הבוטח בו ואומר שירה גם במצב של עמקי צרות, תקוותי ותפלתי היא שיזכני להוציא

לאור בקרוב יתר החדושים אשר ׳אתי בכתב על ש״ס, מוסרי התורה ויורה דעה.

ואסיים במה שנכתב במדרש שיר השירים, פרשה בא: „אני חבצלת השרון, ר״א בר כהנא אמר, אמרה כנסת ישראל לפני הקב״ה אני היא וחביבה אני שנתונה בעמקי הצרות וכשיצ־לני הקב״ה מהצרות, אני מרטבת מעשים טובים כשושנה ואו־מרת שירה לפניו. ההוא דכתיב, בצר פקדוך״.

פירושו, כשרונות רבים התאחו בעם ישראל אף מעת תחלת התפתחותו לעם, והתחבבו על קוב״ה מצד סגולת הנפש הישראלית.

כי גם בעת חשך ולא אור, גם בעת כובד השיעבוד המאפיל את זוהר השכל, גם אז כבר באו לידי השגה ברורה של הכרת ביוצר העולם.

התנשאו עצמם מהר שפלותם, התרוממו להיות ררעננים ורטובים כשושנה עד שאמרו שירה, ולא רק התעלו, להוד והדר של שירה נאה, כי גם במעשים הכי כבירים ובמדות היה תפ־ארתם.

עוזי, זמרתי ועטירתי היא.

שבעלים לפרי ינטור הקב״ה מכל פגע
יקובל בחן ומתיקות כל הגה
מחסור והצלחה תערכנה,
בזכות היסורים והאמונה.

אהבת הבריות

שנאה היא המשחתת
גוף נשמה ולב
חייו רק שורפת
מוסיף כאב לכאב

אהבה לבריות
גיל נותנת
שנותיו נוספות
ורוחו מרוממת

לכן בן יקיר
אהבה בלבך תן
את מחותך תכיר
ולעולם תמצא חן.

אומללים

אומללים מתאוננים על גורלם
אומללים בוכים על דלותם
אומללים צועקים מר
נאנחים מרב צער

בפגעים קשים
נפצעו בגופם
הכחות רפו
והשנים עפו

„אוי ואבוי" גונחים
אין להם תומכים
אם מתאוננים, אומרים להם
מי רוצה לשמע הבכיה שלכם?

אבל־הנחמו, הנחמו אומללים
לקדושים אתם משולים
הקרבן מכפר על הכלל
ואתם נבחרו לזה ממעל . . .

גלות

גלות מר
רב צער
חד כתער
פחד ויער

דמי אהובים
נשפך כמים
יפים וטובים
נטחנו ברחיים

קולות וברקים
בחוץ ובבית
זדים מכים
טהורים כשיש

אדון לכל
הבט הדלות
הסר העל
והרום הגלות.

הכרת הטוב

רעש החיים ישמע
מתגלגל הכדור בשאון
שכחה נולדת ממרמה
יריץ אדם בגאון

מגאווה טובה נתחלף
בלי הכרה אנש חי
ידמה לשר אלף
חדוה כל ימי

ואסון־עם גבורה יפגשו
אז צועק וגונח מר
נשמתו ועצביו ירגשו
וגופו רק קר, קר

„הכרת הטוב" אז יתגלה
להכיר בוראו ירצה
שנותיו יהיו בלי עוולה
בריא ושלם אין פרצה.

זכור ואל תשכח

זכור ואַל תשכח
את דמי אחיך
מלבבך אַל תמח
חורבן מקום מגוריך

תמיד בכל יום
במחשבתך, בפיך ובנפשך
חכה לעת נקום
בעד דמי אַהוביך

אין קינה ואין מקונן
אין מלים ואין ציורים
לתאר החורבן ולהתאונן
על אבדן „עם השם" ביסורים

לבי לבי על היונקים
שנהדפו תחת רגלי אכזרים
נפשי נפשי על הזונקים
שנחנקו ונטבחו בטלפי נמרים

ה׳ ה׳ הבט עלינו
ספור קרבני וקדושי ישראל
רצח הגזים אַל תמחול שונאינו
אתה הנוקם וגם הגואל.

חסד השם

חסדי השם
רבים הם
בחסד בורר
ולהשחתה צורר

בחסד עליון
נעצר כליון
בחסד הצור
איך אגור?

חסד סביביו
אף לריביו
חסדיו לסמל
ולטוב גומל

הסתכל וגזור
בחסד יצר
בריאה בשלימות
בחסד וריעות

בחסד מפרנס
ברחמים מענש
בחסד מבין
עמקות הדין.

יסורים

יסורים לפעמים
ככוכבים בלילה
מזהירים להתמים
ומענה לשאלה

הנפגע בגופו
בודק נשמתו
מציץ סופו
ובוחן שלימותו

לא לשוא
יסורים מתרוצצין
חייו מתועב
דרכו נעיצין . . .

בטוב בחירה
מרע פרידה
לייפות היצירה
מעשיו במדה.

ימי התחיה

ימי מכאובים עברו כמעט
ימי הגאולה מתקרבים
יעוף הכוכב לאַט לאַט
פתח־תקוה להמחכים

„יאוש" נמחק בגבורה
רגעי התחיה מתרוצצין
נפש מתפלצת בשמחה
„תחיה" באהבה מתקלסין

גלות ופצע גוססין כבר
מולדת וריפוי תופסים החזית
די די תאמר לצער
„מי התחיה" התגשמו על בסים.

מדות טובות

מדות הגונות
הן הנפש
מדות רעות
הן כרפש . . .

מדות טובות
מצילות מהחטא
מדות נשחתות
האדם כבועט . . .

מדות יפות
מצילות מרע
אצילות מביאות
חף מפשע . . .

מדות תרומיות
חן לבריות
הן מתנות
וגם לאות . . .

מנוחת הנפש

כמה קשה סבלות הזמן
מתאונן איש אפס מנוחה
עד מתי אשאר כאן?
על שכמי לשאת דרוסה . . .

הרגע הרגע אתה „האַין"
אסוף הכחות אך לרגע
מנוחה בודאי תמצא
רגליך תציב בלי פגע

רק חשוב היפוי והמתיקות
השמש והחיים סביבך
שאוף רוח זך ותיקות
ו„מנוחת הנפש" תגלה בקרבך.

מעלות האדם

מעלות האדם
איום ועמוק
בנשמתו שם
נתברך ונענק

הוא האיש
פלא ונשגב
מקדושה שתוליו
ואינו מרגיש

כענק גדלותו
בתפארה נולד
טהרות מוסרו
מחוכם ומלומד

במדות יקרות
איש נברא
במעלות מזהירות
ו„שוב" נקרא.

אך יזהר
לא לקלקל
חובתו להאיר
ולא לחלל

כי חילול האניש
ביטול הדמות
בכבד ראש
ימציא ממשות.

ואז ירווח
גופו ומהותו
איכותו ישבח
שאיפותיו יגשמו.

מחר לקבל שכרם

מצוות לקיים
אדם מחויב
כפל כפלים
לשחת זיוף

היום לעשותם
ומחר השכר
יעשה אותם
בלי צער

מוכן לפניו
שולחן מלכים
שכינה בפניו
בראשו פרחים

תזכר תמיד
כבוד הבורא
הוא האָמיד
שמפחד הנורא.

נשמה

צחה ובהירה
טהורה ממקרה
זכה וקדושה
היא הנשמה

כבבת עין
תשמור אותה
במעשה ורעיון
אך לקדשה

ממחצבת נאמנה
היא מוצאת
שלימה ותמימה
גדלות הנשמה.

סוד

„סוד" רק לידידים
בלי פתחון פה
לגלות דבר לשונאים
מי הוא זה?

„סוד" כמום בלב
הנגלה רק לחביבים
מוסיף פצע לכאב
מאפס רעים וידידים

„סוד" בלבך ולך הדעה . . .
תעלומות תגלה ולך הזיעה . .
סוד" בנפשך ולך הרשות . . .
„צפונות" לגלות ונשאר ביאוש

כבוד למוריך

שאיפותיך ותשוקתך
ממורך הם
עמלו בעדך
כאב ואם

הכבוד למורך
כבוד לעצמך
תאהב אותו מאד
והוא יאמץ רוחך

בדרכך הצלחה תמצא
זיו וענג תקבל
מחשבתך בלי שמצה
צעדך בלי מחבל.

לב

לב מתאוננת
על הכל
היא המקוננת
בעד הסבל

לב כואבת
על היגון
היא תובעת
בעדה מגן

לב לב
מה לך פה?
דאגה וכאב
הפשיטו הנוי.

קדוש השם

חללים נפלו
נשרפו באש
נשמות עפו
והיו לאות

קדשו השם
בשמע ישראל
בגילה הם
לקראת הגואל

התפעלות ושמחה
חראו המעונים
בשרם מנחה
בטהרה טעונים

לקבל המות
בגאון רעדו
לפניהם האבות
כתרועה נדו

השמש והירח
עטפו שחורים
לריח ניחח
עלו הגבורים

לא פערו
באהבה נחו
רקדו זהרו
ולא גחו

השם אחד
קראו בהתלהבות
כהבן הנכד
אינו אבוד.

עצה

עצה לשאול
צריך אנוש
בחייו עול
נוצר מראש

לאיש רוח
הוא פונה
להקל מלוח
בעצה נכונה

עצת צדיק
לנפשו תנחומין
מכיר ההיזק
זועקין ונענין

הצדיק גוזר
והשם מקיים
ידידיו עוזר
כפל כפלים

עולים ולא גולים

מאלפי שנים
למשיסה נחשבנו
גלים ועננים
תמיד סבבונו

עלילת ושמצה
מדוה וזלזול
אותנו מצא
ומי מילל?

מכאובים ופגעים
מרבבות ימים
נתונים למרודים
חלשים ועייפים

והנם המקווה
כחץ פריץ
לעזר העזובה
בגבורה ומריץ

גבורים קמו
והפתיעו שרים
בעצמה הורמו
ולכדו ערים

תחת מקל, חרב
תחת מנוסה, התייצבות
תחת פחד, קרב
תחת עבדות, שררות

עולים ולא גולים
חיות ולא אבדון
קדימה בלי מכשולים
בגיל חדוה ורנון

קדושת העבר
גבורת ההווה
הם המעבר
משבי לחופשה.

שיר החולה

שיר החולה בלי נגינה
שיר יסורים בלי רינה
הוא שיר של תפלה
שפתי החולה דובבות מחילה

שיר בלי קול
אבל מרמז הכל . . .
שיר של חולה
לעמקי נשמה עולה

שיר אודות ריפוי
שיר גאולה בצפוי
שיר חולה מהלב
שיר מדוכא מכאב.

שלום

ריב ומדון
ממררים נשמה
במחשבת זדון
אין נחמה

הערצה ואחדות
סמי מרפא
ברגש אדיקות
אין חרפה

עולם מתוקנת
יצירה כאחד
מדות מהוגנות
הן הנחת

תבל נהרס
נכשלת ומטונפת
מקריעת תפארת
ומפרצה בזפת . . .

נחסר שלום
יחשב למום
אבדון אפשר
בלי יקום

שלום שמור
הזהר מלפגע
רגזונך גדור
ותנצל מרע.

✡

נייט און האָפּענונג

פון

הרב מאיר יווינט

פאָרוואָרט

קיין זאַך ווערט פאַרזען פון ג-ט. באַלוינונג און באַצאָלונג פאַר אַ זינד, קומט אין צייט.

דער מענטש מוז אימער דאַנקבאַר זיין דעם באַשעפער פון דער וועלט פאַר אַלעם וואָס דער גורל, דורך דער האַנט פון ג-ט, שפּילט אים צו.

דער מענטש האָט אין האַרצן אַ פידעלע מיט נשמה-צאַר-טע סטרונעס וועלכע שפּילן אויף ביי יעדע אַנגענעמע און אויך אומאַנגענעמע געלעגנהייטן.

דער מענטש זינגט ווען ער הערט הערלעכע און פריידיקע ניים. ער זינגט אויך ביים הערן ביטערע און טרויעריקע נאַכ-ריכטן.

דער אונטערשייד איז נאָר אין די צוזאַמענגיסונג און האַרמאָניע פון קלאַנגען און מעלאָדיע.

אונדזערע הייליקע חכמים ז"ל, מיט זייער געטלעך פּסי-כאָלאָגישן פאַרשטאַנד פון מענטשלעכער נאַטור, דערקלערן: אַז דער מענטש מוז און דאַרף ג-ט דאַנקען פאַר נישט קיין גוטע איבערלעבעניש ווי ער טוט עס פאַר אַ הערלעכע געשע-העניש".

„ערגער" קען דאָך שטענדיק זיין, און אין „גוטעס" איז נישטאָ קיין ענד.

דאָס בוך פון לידער וואָס איך גיב דאָ אַרויס, איז אין דער ווירקלעכקייט אַ צוזאַמענגיסונג פון טרויעריקע און פריילעכע געפילן.

„נויט און האָפענונג" איז דער נאָמען פון בוך. אַ טי-פער צער וואָס איז אַריינגעדרונגען אין דער נשמה דורך די שרעקלעכסטע, איבערמענטשלעכע ליידן וואָס איך האָב פער-זענלעך געליטן זייענדיק פיר יאָר אין די קאָנצענטראַציע לאַ-גערן, און דורך די מאַסיווע עלנטקייט פאַרבונדן מיט בלוטיקן פּיין דורך דעם וואָס די ברוטאַלע נאַצים האָבן מיין הייליקע פאַמיליע פאַרניכטעט.

האָפענונג און דאַנקבאַרקייט דורך דעם וואָס ג-ט האָט אַ

„קדיש" געלאָזן פון אַ שטאַרק פאַרצווייגטע און פרעכטיקע פאַמיליע, און דערביי געגעבן מיר די מעגלעכקייט צו קענען דערציען אונדזער יוגנט אין די הייליקע וועגן פון תורה-מאַראַל".

איך האָב געהערט דעם „שמע ישראל" פון די ליפּן פון קינדער ביי די לעצטע מינוטן פון זייערע יונגע לעבנס. זיי זיינען געשטאָרבן מיט ג-ט'ס נאָמען אויף די ליפּן.

און איצט האָב איך די געלעגנהייט צו לערנען אונדזערע קינדערלעך נישט נאָר צו שטאַרבן מיט דעם „שמע ישראל", נאָר אויך ווי צו לעבן מיט ג-ט'ס נאָמען.

זייענדיק אָפּגעריסן פון מיין פאַמיליע, און האָבנדיק דעם מענטשלעך-נאַטירלעכן דראַנג זיך צו טיילן מיט אַנדערע הערצלעכע געפילן, שרייב איך, צייט מיין באַפרייאונג, אויסער „חידושי תורה" און „מוסר", אויך אַ ליד יעדן טאָג וואו איך גיס אויס די האַרץ צום באַשעפער און דערביי ווערן מיינע פאַרזענלעכע ליידן פאַרלייטערט.

איך האָף אַז דער לייענער פון די לידער וועט געפינען זיין פאַרגעניגן אין לייענען פונקט ווי דער פאַרפאַסער האָט זיין טרייסט געפונען אין שרייבן זיי.

ס'איז מיין געבעט צום אַלמעכטיקן, דאָס נאָכדעם ווי איך האָב אין „טרויער", האָפענונג געפונען, און געהאַט דעם זכות צו דרוקן אייניקע ספרים אויף ש"ס, חומש און מוסר מיט מידות, זאָל ער אויך מיר באַשיינקען מיטן הימלישן גנאָד צו דרוקן אינגיכן די איבעריקע ספרים און ביכער וואָס איך האָב אָנגעשריבן.

מיין האַרציקע תפילה אין דעם מאָמענט איז: פאַר שלום און אויסלייזונג. זאָל די וועלט אינגיכן אָנערקענען די געטלעכע הערשאַפט און דערביי זוכה זיין צו:

אַ לעבן פון שענערס און העכערס,
צו זעטיקן זיך פון האָפענונגס בעכערס,
ווערן אָנגעזאָפּט מיט האַרמאָניע און פרייהייטס געפילן,
צו שאַפן און שטרעבן פאַר לאַנד, פאָלק אויפצובליען.
מיט ליבענדע, צאַרטע, אויפריכטיקע גרוזאַנגען,
באַקראַנצן און דערפילן דעם באַשעפערס פאַרלאַנגען.

אַ גראָשן פֿון אַ מלאך

דער טאַטע — אָפּגעפּוצט מײַנע שיכלעך,
די מאַמע — מיר געוואַשן, געצוואָגן,
איך קעשענע מיר אַרײַנגעלייגט קיכלעך
און אין בעסטן „חדר" אַוועקגעטראָגן.

די מאַמע — מיר האַרציק געקושט,
מיט אַ שמייכל און טרערן באַגלייט,
זי האָט געווים לײַדן געמוזט
צו נעמען פֿון קינד אַפּשייד.

זי האָט אָנגעזאָגט דעם טאַטן
ער זאָל אויף מיר אויפֿפּאַסן,
קיין פֿאַרקילונג זאָל מיר שאַדן,
אויך קויפֿן וואָס צום נאַשן.

מיר געהייסן אויפֿן באַנק אַנידערזעצן,
דאָס מיינט אַ צייכן פֿון ברכה,
זאָל קענען אָפּהיטן רבי'ס געזעצן
און נישט פֿאַרשעמען די משפּחה.

די האַנט צום מזוזה צוגעלייגט
און איר אַ געשמאַקן קוש געגעבן.
פֿאַר דער מאַמען זיך פֿאַרנייגט,
מיטן טאַטן — אַוועק צום רבי'ן.

דעם „חדר" פֿול תּלמידים געפֿונען,
דעם רבי'ן מיט אַ שטרענגן בליק
ווי איך בין נאָר אַרײַנגעקומען,
האָב געוואָלט גלײַך לויפֿן צוריק.

נאָר דער רבי געגעבן אַ הויב
מיט אַ פֿינגער גערופֿן צום טיש.
בין געוואָרן נידעריק ווי שטויב,
דערנענטערט פּאַמעלעך מיט ציטערדיקע פֿיס.

דעם סידור פאַר מיר אויפגעמאַכט:
דאָס איז אַן „אלף" און „בית".
איך האָב זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט
און גענומען ווישן דעם שווייס.

געדענק — „קמץ־גימעל" איז גאָ",
ווען דו וועסט מיר פאָלגן,
וועט אַ מלאך וואַרפן אַ גראָשן דאָ
און וועסט ניט באַקומען געשלאָגן.

זונעלע — „סעגעל־מעם" איז „מע",
מײַנע אויגן געוואָנדערט צו אויבן,
אַ שפּאַלט איך דאָרטן נישט זע . . .
מײַנע אויערן קענען נישט גלויבן.

דער טאַטע שטייט הינטער מיר,
אַ שטאָלצקייט אויף אים אויסגעגאָסן,
נחת האָט ער אָן אַ שיעור,
אין זײַן האַנט אַרײַנגעקוועטשט אַ גראָשן.

מײַן האַרץ געקלאַפּט ווי אַ האַק,
וואַרט אויפן מלאך מיט אָנגעשטרענגטקייט,
פּלוצלונג דערפילט אַ קוש אויפן באַק,
אַ גראָשן, אַ בליק געגעבן מיט שיינקייט.

אָט האָסטו פון מלאך אַ געשאַנק,
זײַ אַ גוטער תלמיד און לערן,
פאַר אַלעם גיב גאָט אַ דאַנק,
צום רבי'ן זאָלסטו אימער צוהערן.

אַ ביטע וועגן ארץ־ישׂראל

„ווינט", קענסטו מיר פֿילייכט נאָך ארץ ישׂראל טראָגן,
דיין ווינט זאָל מיר אין געבּיינקטער לאַנד פֿאַרטראָגן?
ניין, ניין מיין קינד, איך בּין פֿאַרשוואָרן
דאָס קיינער אויף מיר וועט נישט פֿאָרן.

„אָדלער", קענסטו מיר אפשר אויף דיינע פֿליגלען זעצן?
איך וועל זיך דאָן קענען גליקלעך שעצן.
ניין, ניין מיין קינד, איך קען דאָס נישט מאַכן,
איבּעראַל, אויך אויפֿן הימל, מוזן פֿאַסטנס וואַכן.

„פֿיש", קענסטו מיר פֿילייכט איינשלינגען,
באַהאַלטן מיר אין דיינע רינגען
איך זאָל מיט דיר שווימען איבּער ים'ען,
אויך אַ מינוט וויל איך נישט פֿאַרזאַמען.

ניין, ניין מיין קינד, אויך די וואַסער איז געשפּאַרט,
זיין דאָרטן איז מיר אויך פֿאַרווערט,
גיי שנעל אַוועק פֿון מיר
מען וועט באַלד פֿאַנגען דיר.

זון", זון, דיינע שטראַלן טוען מיר קווועלן,
זיי לאָזן מיר זיך נישט פֿאַרשטעלן,
מאַך זיך טונקל ביז איך קום צום באַגער,
זון, נישט שטער, נישט שטער.

ניין קינד, איך קען גאָרנישט טאָן דעריך,
אַ קנעכט נאָר איך אַליין איך בּין,
איבּער מיר אַ הערשער עקזיסטירט,
ווי ער וויל, אַזוי ער פֿירט.

גיי צום באַשעפֿער, אפשר וועט ער שטילן
דיינע טיפֿע בענקענדע געפֿילן,
איך זע — אויך „ער" זיצט פֿאַרשעמט
איבּער זיינע קינדער וואָס זיינען פֿאַרקלעמט.

„גאָט", באַשעפער, עס איז מיר צו לעבן דאָ שווער,
נאָר דיין לאַנד איז מיין גרעסטער באַגער,
דאָרטן פיר מיר, דאָרטן מיר ברייננ,
דער „גלות" איז שוין געפערלעך אייננ.

איך וועל בויען פאַר דיר פּאַלאַצן,
באַפּוצן זיי מיט די טייערסטע שאַצן
נאָר מיין וואונטש דערפיל, דערפיל
און ברייננ מיר צום ציל.

ארץ ישראל

דו טייער לאַנד, געבענטשטע לאַנד,
דו אייביקע וואַנט, הייליקע וואַנט,
ווי בענקט מיין הארץ נאָך דיר,
ווי אומגליקלעך בין איך אָן דיר.

דו שיינער אָרט, דו פּרעכטיקער אָרט,
ווי קום איך צו דיר דאָרט?
דו העלע ערד מיט די הערלעכע טייכן,
מיין פראַגע — ווי קען איך צו דיר דערגרייכן???

ווי שטעל איך אויף דיר מיין פוס,
ווי קען איך דיין באָדן געבן אַ קוש,
מיין גאַנצן לעבן, מיין גאַנצע קראַפט
ווערט דורך גלויבן אין דיר פאַרשאַפט.

דורך ביטערע לאַגערס, הייגקערס, בין איך דורכגעגאַנגען,
ווייל מיין ווילן איז אָן דיר געהאַנגען,
תליות, אינקוויזיציעס און קרעמאַטאָריומס אויסגעשטאַנען
ווייל מיין גבורה איז אָן דיר באַשטאַנען.

אַלעס האָט מען מיר געקענט צעשטערן,
אַלעס האָט מען מיר געקענט פאַרווערן,
אָבער מיט דיר בין איך שטענדיק געווען געבונדן
און דאָס האָט מיר געהיילט אין די ווייטיקדיקע סעקונדן.

צום קאַמף „ישראל׳קע״ גיי מיט מוט,
געגרייט איז ער אויך מיט זיין בלוט,
דערוואַכט האָט דער אַלט־יונג קינד,
פאַרגיטיקן וויל ער זיינע זינד.

שטעלט זיך מוטיק אין די קעמפענדע רייען,
דאָס לאַנד בעט מ׳זאָל עס זייען,
קעמפט מוטיק, קעמפט מיט לוסט
קעגן שונא שטעל דיין ברוסט.

הויב די „פאָן״, הויב איר הויך,
באַפריי דאָס לאַנד פון שווערן יאָך,
מיט גאָט פאָרן פאָלק, וואַרף זיך אין שלאַכט,
צעריים! צעשמעטער די קייטן פון פרעמדער מאַכט!

אַ טובה בעטן

אַ טובה בעטן
טראַגישע אָפקומעניש,
מוזט גלעטן,
ווערסט אַ רעטעניש . . .

געזיכט ווייס
טרייסלען ציינער
ווירדע, אייז . . .
געפילן, שטיינער.

אומאָרנטלעכע אונטערטעניקייט,
געזונקען מאָראַליש
הערשט אומריינקייט
ווערסט נאַריש . . .

קאָפּ אַרונטערגעלאָזן
באַוועגונג אָנגעשטריינגט,
ווערסט צוגעלאָזן
איינגעגליבע געקריינקט . . .

ווער דעם
אין נויט
מיט קלעם
בעט ברויט

נור זיבער
נאָך נישט
דערפילן ער . . .
אָדער נישט?

בעסער נאָר אַביסל
וואָס מיר געהערט
איידער אַ פולע שיסל
פון אַ פרעמדן פאָרטרעט . . .

אין דער פרעמד

אין דער פרעמד
דער מענטש וואַלגערט,
די האַרץ פאַרקלעמט,
די סביבה האָגלט.

אַ אייביקע קללה
צו זיין נע ונד
אָן אַן אייגענע ממשלה
אויף אַ בלאָטיקן סליאַד.

אין דער פרעמד
נאָר מיט זיך,
באַליידיקט און פאַרשעמט
לויפן יאָרן דורך . . .

אינהאַלט אין לעבן

אין לעבן „אינהאַלט"
גליק" אַ מענטשן ברענגט,
מאַכט אַ פריילעכע געשטאַלט,
טרויער ווערט אָפּגעשווינקט.

אַ מענטש אָן „אינהאַלט"
דערגרייכט נישט ווייט,
לעבט מיט גוואַלד,
פאַרשווענדט אומזיסטע צייט.

אָבער נישט גרינג
אַ ריכטיקן „אינהאַלט" צו געפינען
אַרומגערינגלט מיט אַ רינג
שווער דאָס צו געווינען.

נאָר מיט אָנשטרענגונג
„אינהאַלט" ווערט דערוואָרבן
צום לעבן אַ נייגונג
צופרידנהייט לייכט צו האָבן.

אַ געטאָ ליד

איך וועל אַ לידל זינגען,
אַ געזאַנג פון שרעקלעכן געטאָ,
וואָס דאָרטן איז געשען
איז גאָר קיין ווערטער ניטאָ.

פאַרכאַפּט האָט דער שונא אונדזער לאַנד,
די שלאָפענדע זעלנער באַשאָסן,
אַרויפגעלייגט אויף אונדז אַן אייזערנע האַנט,
די איבעריקע אין אַ געטאָ פאַרשלאָסן.

איך נעם זיך דערמאָנען דעם גרויזאַמען האַר,
אוי טאַטע, אוי מאַמע, אוי זיידע!

עס איז יעדער מאָמענט אַ לעבנס געפאַר,
מען פירט אונדז ווי שאָף צו דער עקידה.

און ווער עס איז פאַרבליבן אין רידל,
מיט האַמער, מיט קירקע און רידל,
עס הערט זיך נאָך אַלץ אַ גרויס געוויין,
מען פייניקט דעם אָרעמען אידל.

און קומסטו פון דער אַרבעט אַ מידער צוגיין,
ברענגסטו מיט זיך עפּעס עסן,
פאַר דעם טויער די פּאָליצײַ שטייט שוין
און מעגסט שוין אָן עסן פאַרגעסן.

נאָר נישט פאַרלאָרן דעם מוט,
די הילף איז שוין נישט ווייט,
באַלד ווידער די זון קומט
און מיר וועלן האָבן אַ בעסערע צייט.

אָפּעראַציע

געלייגט דעם קראַנקן אין בעט,
אַ „שוועסטער" מיט אַ נאָדל שטעכט
צו פאַרטומלען דעם קראַנקנס מח
און צוגעבן אים מער כח.

אין ווייסע זאַקן איינגעהילט,
דער צימער מיט ליכט אָנגעפילט,
מען פירט אַרויס די בעטל
צו דער „אָפּעראַציע" בעטל.

דער דאָקטער און די שוועסטער
מיט טיכלעך פאַרוויקלען געזיכטער,
דער דאָקטער מיט אַ מעסער אין האַנט,
שאָטנס ווייזן זיך אויפן וואַנט.

אַ „שוועסטער" דעם פולס האַלט,
אַ ציטער דעם קראַנקן באַפאַלט,

נאָך אַ שטאָך, נאָך אַ קרעכץ,
אומגעמעגלעך זיך צו דרייען לינקס אָדער רעכטס.

דער דאָקטער זאָגט ציילן נעם",
אויף דער נשמה גיט אַ קלעם,
„איינס - צוויי - דריי"
פון פּיין בין איך באַלד פריי.

„פינף - זעקס - זיבן"
אַ נעפּל זיך שוין פאַרקליבן,
„אַכט - ניין", אַ שלאָף דיר באַפאַלט,
כאַפּט זיך אויף שפּעטער מיט אַ געוואַלד.

אויפן שפּיטאָל בעט

ליגנדיק שרעקלעך קראַנק,
אין יסורים איינגעדרייט,
פאַרגאַנגענהייט טוט באַנג,
שאָטנס אַרום צעשפּרייט.

ברוויזנד און געשווינד
דער פּולס קלאַפּט,
דורך אַ שמערצלעכער וואונד
דער אָטעם פאַרכאַפּט.

די געדאַנקען פאַרלאָשן,
דער מח איינגעשרומפּט,
די אויגן פאַרגאָסן,
ווערטער ווי פאַרשטומפּט.

פון לעבן ביז טויט
נאָר אַ קליינער שפּרונג,
פיינלעך דער קראַנקער גרייט
אויפן גרויזאַמען קלונג.

צו זיפצן איז שווער,
צום וויינען — נישטאָ טרערן,

ער גיט זיך אַ קלער
וואָס וועט באַלד ווערן?

עס ווילט זיך לעבן,
די וועלט ווייניק גענאָסן,
אַלע פאַנטאַזיעס און שטרעבן
פון שטאַרקע כוואַליעס אַוועקגעפלאָסן.

כאָטש נאָך איינינקע יאָר
גאָט זאָל שיינקען מיר,
איך זע שוין קלאָר
די ריכטיקע טיר . . .

נישט מער זיין נידערטרעכטיק
קיינעם נישט מער פאַרפירן,
אַנערקענען ג' איז מעכטיק,
היילוקייט מיט רום באַצירן.

נאָך קיינמאָל נישט געפילט
די באַדייטונג פון „געזונט",
צו וואַרהייט נישט געצילט
און דערפאַר באַקומען אַ וואונד.

חרטה האָב איך איצט
אויף די באַגאַנגענע זינד,
איינמאָל זיך אויסגעגליטשט,
פאַלשע ליכט מאַכן בלינד.

דאָס זיינען די געדאַנקען
וואָס רופט אַרויס דער שפּיטאָל,
וואו מען ליגט אַ קראַנקן
פאַר טעג, וואָכן אָן אַ צאָל.

בלעטער

בלעטער שײנע,
בלעטער גרינע,
בלעטעלעך קלײנע,
בלעטעלעך דינע.

הערלעך צײגן
זײער גלאַנץ,
שטאָלצירן צװײגן
מיט זײער קראַנץ.

דורכן זומער
גיבן געניס,
פֿאַריאָגן אומער,
ברײנגען אַ פֿרײלעכן גרוס.

הערצער באַטריבטע
נעמען זינגען,
לעבנס אױסגעשעפּטע
הױבן אָן צו שפּרינגען.

מעלאַנכאָלישע בליקן
װערן אױפֿגעשטעלט,
דערמונטערן, דערקװיקן,
טעג װערן אױסגעברײטערט.

נאָר אָט קומט
דער אומעטיקער הערבסט,
דער װינט ברומט,
די בלעטלעך פֿאַלן ערשט.

געלע פֿון שטורעם,
פֿאַלן מיט אַ שמעטער
פֿון בױמ׳ס הױכן טורעם.
פֿאַרשטױסענע ציטערדיקע בלעטער,

זיי ווערן פאַריאָגט
ווייט פון בוים,
דער צווייגל קלאָגט
אויפן פאַרשוואונדענעם טרוים.

אומעדיג ווערט ווידער,
הערצער נעמען דאַנקען,
קאַלט ווערן גלידער
פון טרויעריקע געדאַנקען.

נאָר ניט וויין
דו אָרימער פּערזאָן,
„ווינטער" וועט אַוועקגיין,
„זומער" קומט באַלד אָן . . .

ברגן בלזן ביינער

צעווערעמטע, צעגעסענע ביינער
וואַלגערן זיך אויף אַ פעלד,
נישט באַמערקן טוט זיי קיינער,
גיכער דערזעט מען געלט . . .

די ביינער איינגעשרומפּן
ליגן זיך אָן אַ זייט,
אַרום קריצען און שטומפּען
פון מענטשן ווייט, ווייט . . .

קיינער דאַכט
צו וועמען זיי געהערן,
אַרום זיך אַ פּראַכט
קליינע שיינע שטערן.

די שטערן פאַרנעמען יאַ
די וויכטיקייט פון די ביינער,
די שטערן געדענקען, דאָ
איז אַמאָל געווען איינער.

און ווען די וועלט איז טויב,
דאַן זיינען די שטערן וואַך,
ווען די וועלט איז פאַרנומען מיט רויך,
טוען די שטערן אַ ביטערן לאַך.

די ביינער טוט אויך ווייַ,
זיי וויינען פון צאָרן,
ווי קענען זיי
פאַרגעסן וואָס איז געווען.

גוטע אויפירונג

די פּראַכטפולע צירונג
אין מענטשנס צייט,
איז זיין אויפפירונג
וואָס אים באַגלייט.

עגאָאיזום איז דער מערדער
פון דעם אייגענעם געוויסן,
גרויזאַמקייט איז דער צעשטערער,
לאָזט קיין זאַך געניסן.

אַ מענטש קען נאָר שטאָלצירן
מיט זיינע גוטע טהאַטן,
„מאַכט" קען נאָר פאַרפירן
און פאַראורזאַכן שלעכטע רעזולטאַטן.

אין היים און דרויסן
„לעבן" דאַרף זיין ערלעך,
זע קיינעם נישט אָפצושטויסן,
„לעבן" וועט זיין הערלעך.

ביים שיין פון ליכט

עס פינקלט, עס שפּריצט
די „ליכט" אין דער זעלע,
עס צופּט, עס בליצט
די פייערלעך די העלע.

עס יאָגט, עס רוישט
דער פייער אין איר,
עס צאַפּלט און ברויזט
די נשמה גיט זיך אַ ריר.

דאָס איז אַ ליכט
וואָס ווערט נישט פאַרלאָשן,
עס איז מיט אַבזיכט
צו געווינען גרויסע מאָסן.

עס בויגט, עס דרייט זיך,
וואַרפט אירע שטראַלן,
מיט איין מאָל צעשפּרייט זיך
מיט ברענענדע קוואַלן.

געציילטע טעג

טעג געציילטע,
קורצע שטונדן,
וואונדן פאַרהיילטע
צוריק אָנגעצונדן.

גלייכגילטיק וואַרט
אויפן טויט,
קערפּער איינגעדאַרט,
אויגן רויט.

לויפן דורך
פאַרשוואונדענע עפּיזאָדן,

צוגעבונדענקייט זוך . . .
וואָגן אָפּגעלאָדן . . .

קימערט נישט
דער צוקונפט,
פאַרשווּעבט אומזיסט,
ענדלאָזיקייט רופט.

זייגער קלאַפּט,
האַרץ אויך,
פינצטער טאַפּט
וואָלקנס רויך.

ווענט געדיכטער,
ברעמען פאַרקלעפּט,
רופט ריכטער . . .
וואַסער אויסגעשעפּט.

מינוטן אויסגעציילטע
ווערן נענטער,
פליצעס אָפּגעשיילטע,
„מענטש" אָפּגעצערטער.

נישט געפרעגט
בליציק געזעגט,
לעבן פאַלט
קיינער פאַרהאַלט.

געציילטע סעקונדן
פאַר זיך,
הענט געבונדן,
ענדע גיך.

געפילן ווייט
צו טראַכטן אוממעגלעך,
שוואַרצקייט באַגלייט,
ווערט אומדערטרעגלעך

זײַטן פֿאַרשטײפּט,
סקריפּעט מאַטראַץ,
צײַט לױפֿט
צום פּלאַץ . . .

אױערן פֿאַרשטאָפּט,
נאָז פֿאַרלײגט,
מױל פֿאַרפּראָפּט,
אַלעם אַװעקגעלײגט.

אַ קרעכץ, אַ הוסט,
אַ בלאָז, אַ ריר,
הױבט ברוסט,
די נשמה זיך שײדט מיט מיר . . .

פֿרײַנט אין שפּיטאָל

דער קראַנקער װאַרט,
נאָך באַזוכער גאַרט,
קוקט פֿאַר פֿרײד
צו באַזוכן אים הײַנט.

די אױגן אָנגעשפּיצט,
די צײנער פֿאַרקריצט,
עס שמערצט שרעקלעך,
די האַרץ צעשפּליטערט אױף ברעקלעך.

עס טוט װײ
אָבער קײן געשרײ,
װײל נישט באַדױער
אָבער יסורים אומגעהױער.

די אײנציקע נחמה
אױף דער אומעטיגער נשמה
איז די באַזוכונג צײַט
װאָס אים קרעפּטן באַנײַט.

ווען מענטשן וואָלטן וויסן
וויפל דער קראַנקער קען געניסן
פון זייער בקור חולים,
וואָלט געקומען אַ גרויסער עולם.

די ישיבה

נור אַן איינפאַכע, געווײנלעכע הויז
מיט שטולן און טישן,
אָבער אַ הייליקע „ישיבה־קלויז"
וואו תורה לערנער באַגריסן.

טאָג און נאַכט אָנגעפילט
מיט זיסע צאַרטע קלאַנגען
וואָס באַרואיקט און שטילט
און נעמט האַרץ געפאַנגען.

ווען עס שטורעמט די וועלט
מיט האַרצלאָזיקייט און האַס,
דאָס איז אַ אומבריקבאַרער געצעלט,
אַ באַלזאַם דורך דעם „ש"ס".

די „ישיבה" שטענדיק געווען
אַ באַשיצונג און שטאַרקער קרעפּאָסט,
„חסד" ווערט דאָרטן געזען
און אונדז קיינמאָל נישט פאַרלאָזט.

די „ישיבה" איידלט אויס,
עס מאַכט מענטשן גרעסער,
פון פינצטערנעש פירט אַרויס
און שאַפט דעם „לעבן" בעסער.

פאַרשיידענע נעצן און לעכער
דעם מענטשן צו כאַפּן, זוכן,
ביטער איז דער בעכער
און בריינגען אומאויפהערלעכע אויסברוכן . . .

די „ישיבה" אָבער פֿאַרהיט,
גיט שכל צום באַקלערן,
פֿון זומפּן אַרויס־פֿירט,
לאָזט נישט „מענטשלעכקייט צעשטערן.

די „ישיבה" אַ הייליקער אָרט,
טויזנטער יאָרן אַ לעבעדיקער מאָנומענט,
עס לערנט אונדז גאָט'ס וואָרט,
אונדזער פֿאָלק זאָל נישט ווערן פֿאַרשעמט.

דער זינגענדער קאַנאַריקל

ווען איך הער יעדן פֿרימאָרגן
דעם שיינעם קאַנאַריקל זינגען,
דאַן פֿאַרלאָזן מיר די זאָרגן,
מיט פֿרישע טענער נעמט דאָס האַרץ זינגען.

און עס רייסט זיך אַרויס אַ געבעט:
„אָ, זינג פֿייגעלע, הער נישט אויף,
מיין נשמה פֿילן וועט
קום נעענטער אויף מיין פֿענצטער אַרויף".

„דיין געזאַנג מיינע וואונדן היילט,
דיין קלאַנגלאָזע שפּראַך גיט מיר רו,
יעדער קלאַנג ווערט נישט פֿאַרציילט,
וואו גייסטו אַוועק, וואו?"

„ווען איך בין געווען אין לאַגער אַרומגערינגלט
צווישן מערדער און דראָטן פֿאַרצוימט,
דיין פֿליגל־געדריש האָט מיר שטענדיק געקלינגעלט,
צו קוקן האָסטו אַביסל פֿאַרזוימט . . . "

„איך האָב געדענקט וועסט מיר ברענגען
די לעבעדיקע פֿרייהייטס גרוסן,
דאָס אַרויס וועל איך פֿון באַראַק דעם אייננגן,
פֿאַרשווינדן וועט מיין צער, איבערפֿלוסן".

„אָ, זינג פייגעלע יעצט, הער נישט אויף
קום נעענטער צו מיר אַרויף,
דערקוויק מיינע פאַרביטערטע געפילן
און לייג אַ באַלזאַם אויף מיין צעבראָכענעם ווילן."

ברייננ אַ גרוס פון מיין שטעטל, פון מיין היים,
פון מיינע ליבע, פון מיינע חברים'לעך,
פון מיין גערטענדל, פון מיין בוים,
וואַנדערן זיי אָדער לעבן זיי געמיטלעך?"

זינג פייגעלע, זינג ווידער,
לאָז מיין גייסט נישט גיין נידער,
זינג מיט טרייסט, זינג מיט גלאַנץ,
דאָס וועט מיר זיין דער שענסטער קראַנץ."

„און אויך ווען איך וועל שוין מער נישט זיין,
זאָלסטו זיך שטעלן אויף מיין שטיין,
אויפן בלום וואָס וועט אויף מיין קבר בליען
זאָלסטו שטענדיק געדענקען אַרויסצופליען ..."

דער מאַרש פון קדושים

עס הערן זיך טריט מאַרשירן,
עס גייען שטאָלץ און פעסט
צו עפענען „ישראל" טירן,
די נייע חלוצים־געסט.

עס קלינגען די שפּאָרן,
עס ירוישן די שווערדער,
עס קומען, עס פאָרן
קעמפער קעגן מערדער.

ווער מיט אַ בוך, ווער מיט אַ נאַגאַן,
ווער מיט אַ שמייכל, ווער פאַרגליווערט
דורך ים'ען, פעלדער און באַנען,
די רייען זיינען געגלידערט.

עס שליסן זיך אָן אויפן וועג
נאָך מער און מער
מיט תורה, האַמער און זעג,
אָבער אַלע מיט איין באַגער.

עס נעמען ציטערן קאַבינעטן,
מען וויל שנעל אָפּהאַלטן,
נאָר ווער קען רעטן,
ווער קען „דונער" פאַרהאַלטן?

דורך בערג און טאָלן
זומפּן און טייכן,
ראָלן און ראָלן
שלייכן און שלייכן.

קרעפטיק און מוטיק
די יידישע בריגאַדע,
דער וועג איז בלוטיק,
אָבער מען גייט גראַדע.

—ווער, ווער קומט דאָ אָן?
פרעגן די מיניסטאָרן
— אַ פאָלק, אַ פאָלק קומט אָן
וואָס איז אין גלות שוין יאָרן.

אַ פאָלק האָט אויפגעוואַכט
פון אירע לאַנגיאָריקע טרוימען,
העלדן קומען צום שלאַכט
זייער היילִיק לאַנד אויפצערוימען.

זייער פאַרלאַנג איז „רעכט",
דער חלום נאָר אַ „לאַנד",
גענוג געווען שוין קנעכט,
צו גרויס איז די שאַנד.

און אַ שטימע ברעכט אויס
מיט אַ הייליקע שבועה פאַרבונדן,

אַן ענדע צום ביטערן כוס,
דער „גלות־ייד" שוין פאַרשוואונדן.

דער הייליקער מאָמענט

אַ זייער הייליקער מאָמענט
לעבן מיר יעצט דורך אין די ווענט,
אַ מאָמענט וואָס רופט אַרויס
אַ הערלעך פריידיק גערויש.

און לאָמיר זיין אין די געדאַנקען צוריק
צו דער צייט פאַר די „פריוויליטעס־גליק"
וועלן מיר זיך דאַן קענען בעסער באַזינען
די גוטסקייט וואָס יעצט פאַר אונדז רינען.

שטעלט זיך אַליין פאַר
נאָר צוריק מיט אַ יאָר,
ווען מיר זיינען געווען פאַרשקלאַפט,
באַרויבט פון יעדע פערזענלעכע קראַפט.

פאַרפינצטערט און פאַרשמאַכט
אין „ליים־גרוב" שאַכט
געקנאָטן די ברודיקע ליים,
וואו עלטערן, וואו אַ היים?

ווען מען האָט אין די קרעמאַטאָריומס געשפאַנט,
ווען מען איז געשטאַנען צום שיסן ביים וואַנט
אין פראָסט אויף די אַפּעלען,
אין די שמוציקע באַראַקן צעלען.

פאַרגיסנדיק אונדזער בלוט,
באַקומענדיק מיט אַ גומענע רוט,
אַרבעטנדיק טאָג און נאַכט
פון בלוטזייגער באַוואַכט.

האָט דען ווער געדענקט
דאָס די „פרייהייט" וועט ווערן געשיינקט?
ניין! ניין! דער קערפּער נאָר אַ ביין
און מען האָט געלעבט ווי אַ שטיין.

זעענדיק פרויען פון מענער אָפּגעריסן,
קינדער זויגלינגע אין גריבער געשמיסן,
פאָטער און מוטער פאַר די אויגן געשוונדן
און אונדז צו דער עקידה געבונדן.

געריינגלט דורך אַ פאַרניכטונגס פּלאַן,
טויט־שרעק אויף יעדן שפּאַן,
שטייענדיק ביי די גריבער־שוועלן,
באַהערשט פון נישט לעבן וועלן.

האָט מען דען געקענט פאַנטאַזירן
דאָס עפּעס וועלן זיך לאַגער־טירן?
ניין! ניין! דער קערפּער ווי אַ ביין
און מען האָט געלעבט ווי אַ שטיין.

אָבער איין זאַך האָט מען נישט געקענט צערויבן —
אונדזער הייליק געטלעך לעבן.
מיר האָבןווירקלעך נישט געהאַט קיין „ווילן",
אָבער דערפאַר געווען פול מיט „פרייהייטס באַצילן".

אויב מיר זיינען געווען ווי אַ שטיין,
אָבער זיכער אַז „ישראל" וועט ניט אונטערגיין,
דאָס די וועלט וועט זיך ווידער שטעלן אין פאָרעם,
אויפוואַכן וועט די מענטשהייט פון חלאָראָפאָרם.

פאַרניכטעט וועלן ווערן די גרויזאַמע טיגער,
דאָס „עם־ישראל" וועט אַרויס אַלס זיגער,
ניט מער וועט שוועבן טויט און פּחד
וגר זאב עם כבש יחד.

און אויב מיר אַליין וועלן צעשטערט ווערן ווי צווייגן,
וועט דער „שטערן פון דוד" דאָך אויפשטייגן,

אויב מיר אַליין וועלן די פרייהייט ניט זען,
וועלן דאָס אַנדערע דורות דערזען.

און יעצט, ווען גאָט האָט דעם נס געמאַכט גאַנץ
און מיר אַליין האָבן געטאַנצט דעם פרייהייטס טאַנץ,
ווען מיר קענען אַליין הערן די הערלעכע קלאַנגען,
אַליין צעבראָכן די לאַגער־שטאַנגען

און מיר שטייען דאָ צוריק פאַראייניקט,
פון באַרבאַרן־חיות אויסגערייניקט,
מיר זעען ווידער ווי עס ווערט געבויט,
אָבער ניט מער קיין פלעצער פאַר „טויט".

נאָר הייזער פאַר אַ געטלעכן קוואַל,
אַ פרעכטיקער „וואַסער־פאַל",
עס נעמט זיך ווידער דרייען
אַ לעבן אָן צרות און ווייען.

מיר נעמען ווידער שולן שטעלן,
מיר נעמען ווידער „לעבן" וועלן,
מיר זעען ווידער די תורה עטרה,
מיר מישן צוריק די גמרא.

עס נעמט זיך ווידער פרייד גיסן,
מיר זיצן ווידער ביי געדעקטע טישן,
עס לעבט צוריק אויף ישראל'ס גייסט,
אונדזער בלוט דורך מילך פאַרווייסט.

מיר באַקומען אַ רואיקן נעסט
וואָס אָן די לאַגערן פאַרגעסט . . .
איז דען יעצט ניט צווישן די ווענט
אַ פייערלעכער הייליקער מאָמענט?

מיר אַליין האָבן געהאַט די זכיה
פון קבר ביז „לעבן" אָן עליה,
מוזן מיר דען נישט גאָט עהרן
פאַר דערפילן אונדזערע הייסע באַגערן.

וואו איז היטלער מיט זיין באַנדע?
זאָלן זיי יעצט זען זייער שאַנדע,
היטלער האָט געשוואָרן
מיט אַ ברוטאַלן צאָרן

דאָס יידן וועט מען נאָר אין מוזייאומס קענען זען,
זאָל ער זיך יעצט טיף פאַרטראַכטן,
יאָ, מען דאַרף אונדז אין מוזייעאומס צייגן
ווי שטאַרק עם זיינען „יעקב׳ס" צווייגן.

מען דאַרף מיט אונדז פּאַלאַצן באַצירן
פאַר דעם קאַמף וואָס מיר האָבן געטאָן פירן,
אַרוים פון באַשענדעטע קנעכט,
צו פרייהייט און אייגענע רעכט.

דאַרפן מיר נישט גאָט לויבן און דאַנקען
פאַר זיינע גרויסע, גוטע געשאַנקען,
זעען מיר דען נישט אַז „נצח ישראל לא ישקר"
מחולל השם ולגדולתו אין חקר.

דער אמת אַרויסגעשוואומען

די הענט איינגעקלאַמערט
מיט אייזערנע קייטן,
אין קאָפּ האַמערט
פאַר וואָס מיר טויטן?

טרעדן איינצוהאַלטן קוים,
פאַרשטיקן דאָס געשריי,
פון מויל אַ שוים,
וואָס ווילן זיי?

ליגנערישע, שענדלעכע שמוץ
וואַרפט מען אַרויף,
נישטאָ קיין שוץ
געקומען דער סוף.

אָבער דער „אמת״
ענדלעך פלוצלונג אַרויפגעשוואומען,
אַוועק די קלעמעניש,
די גערעכטיקייט אַרויסגעקומען.

פון הימל אַ צייכן
איז באַוויזן געוואָרן,
„אמת״ קען דערגרייכן
צו שטילן דעם צאָרן.

די עדות און די ריכטער
זיינען געבליבן שטאַרק פאַרשעמט,
דער פּראָקוראָר געוואָרן ניכטער,
„אמת״ זיין פּלאַץ פאַרנעמט . . .

די הייזקעלע

געשטאַנען אַ הייזקעלע אַ קליינע
אַרום אַ פאַרקאַנדל אַ פּראַכט,
אַ גאָרטן, בלימעלעך שיינע,
וואָס שיינען אימער ביינאַכט.

אין דער הייזקעלע
האָב איך געלעבט,
פאַר זיך אַ ווינקעלע,
פאַרגעניגן דערפון געשעפּט.

ליידן און פרייד
אין הייזקעלע דורכגעמאַכט,
יעצט אָבער אָפּגעשיידט,
פאַרביטערט און פאַרשמאַכט.

פרעמדע טיראַנישע הענט
באַנוצן איר איצט,
באַשמירן די ווענט
וואו מיין נאָמען איז אויסגעקריצט.

איך בײנק נאָך דער הײזקעלע,
אָבער װײל דאָס מער ניט אָנזען,
די בלוט פון חײמ׳לען און משה׳לען
האָבן דאָרטן די מערדער געטרונקען. . . .

די זון ברענט

הײס ברענענד
זון שײנט,
הײך גליענד
„פאַרניכטונג״ מײנט . . .

קײן באַהעלטעניש,
װינט נישטאָ ,
קומט טריקעניש,
הונגער דאָ . . .

שװײס גיסט
װי אַ טײך,
װאַשן אומזיסט
װאַרעמקײט הױך.

זיך באָדן
יעדער לױפט,
געבראָטן, געזאָדן,
נערװן צעשרױפט.

גלידער פאַרשמאַכט,
ליפּן בלױ,
אינגאַנצן אָפּגעשװאַכט
װי אַ שטרױ . . .

דער אַלטער זייגער

אַן אַלטער וואַנט־זייגער,
נאָך אַ ירושה פון זיידן,
מיט זיין מערקווירדיקן שטייגער
טוט נאָך אַליין ריידן.

יאָרן אים נישט געקימערט
צו אַרבעטן נישט שווער,
נאָך מיט גלאַנץ שימערט
נישט צו מערקן אַ שפּאַלט.

פול מיט סודות אָנגעזאַפּט,
פיל געהערט און געזען,
מיט אַ קלינגענדע שטימע קלאַפּט,
נישט אַרויסגעגעבן וואָס געשען.

די ווייזערס זיך באַוועגן,
רוקן זיך אַליין פאָראויס,
ווייזן גענוי זייערע וועגן,
מעכאַניש קומט דער שטויס.

אָבער אַלעס האָט אַ ברעג,
אַ נייער „ווירט„ זיך אַריינגעקליבן,
זיך גענומען צום זעג
און איבערגעמאַכט וואָס געבליבן . . .

דעם אַלטן זייגער אַראָפּגענומען,
אַרויף צום בוידעם אַוועקגעטראָגן,
אויפן וואַנט אויפגעהאַנגען בלומען,
אין אַ קאַסטן אים פאַרשלאָגן.

דער זייגער פאַרגעסן געוואָרן,
קיינער האָט אים נישט דערמאָנט,
געברענט האָט ער פון צאָרן
און זיין גערעכטיקייט געמאָנט.

האָט שטאַרקער גענומען קלאַפן,
זיינע ווייזערס שנעלער געדרייט,
„האַרץ" נישט געקענט אָפּכאַפּן,
„הענט" אויף אייביק צעשפּרייט . . .

די פאַרגאַנגענהייט

די פאַרגאַנגענהייט שוועבט
פאַר די אויגן,
פאַרדרייט און געוועבט
וואָס איז אַוועקגעפלויגן.

עס דוכט זיך אויס
אַז ערשט נעכטן פּאַסירט„
אַ קינד פון זאָרג אַרויס„
שטיפערישע לוסטיקע מעשים פאַרפירט.

אַ וויש מיט דער האַנט איבער דעם שטערן,
אַלעס פאַרשוואונדן און צערונען,
„ווירקלעכקייט" נעמט צוריק־קערן,
וואָס פאַרלאָרן, נישט געפונען . . .

דער שטורעם

דער שטורעם ברויזט אומגעהויער,
וויל די לופט צעשמעטערן,
עס פאָדערט זיך אויסדויער
צו קענען געבן שטורעם קלעטערן.

ביימער, הייזער, ווערן אַרויסגעריסן,
מענטשן נעמען זיך וואַקלען,
טירן נעמט מען פאַרשליסן,
גרייט שטייען שוין פאַקלען . . .

לעכער אין דער ערד געבויערט,
וואָלקנס וואַרפן שלייערס אַראָפ,

גערדאַנקען ווערן שרעקלעך צעשויבערט,
פונקען בליצן דורך אין קאָפּ.

די צוקונפט

וואָס דער מאָרגן ברייגגט,
ווייס קיינער נאָך נישט,
דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד באַשרייגקט
זיין גריבלען זיך אומזיסט.

די צוקונפט נאָך אַ סוד,
קיינער קען דאָס אַנטדעקן,
געהיימניספול איז דער ראָד,
טוט זיך קיינמאָל אַנטפּלעקן.

פון דעם ים טיפער,
לענגער פון דער ערד,
אומרעכנבאַר זיינען די ציפער,
עס פאָכעט דער שווערד.

דער געשריי פון עלנדע

עלנד און אומגליקלעך בין איך געבליבן,
באַלאַנג צו קיינעם און קיינער צו מיר,
פון אַ ליכטיקע היים געוואָרן פאַרטריבן,
מוז אָנקומען צו אַ פרעמדע טיר.

וואו מען קערט זיך, אַ שטיין ביי די פיס,
נישטאָ מער קיין מוט צו שטופן זיך פאָראויס,
די טרערן נאָכאַנאַנד איך וויש,
נאָך אַ טרייסט וואַרט די האַרץ גייט אויס.

„צען יאָר" שוין אַוועק,
אָבער די וואונד נאָך פריש,
צו די צרות נאָך קיין עק,
דאַרף אַליך זיצן ביי אַ צווייטנס טיש.

צו היילן — שווער, צו פאַרניכטן — לייכט,
מען דאַרף זיין שטאַרקער פון אייזן,
די ליידן האָבן ביז צו האַלדז דערגרייכט,
אָבער קיין שטראָף טוט זיך נישט ווייזן.

דער געשריי פון עלנדע,
אַ שטימע מיט בלוט,
יסורים פון זיפצנדע
נאָך נישט אָפּגערוט.

דער בליענדער גאָרטן

פול דער גאָרטן
מיט בלומען בליענדע,
פון אַלערליי סאָרטן
שמעקנדע און אָנציענדע.

אויפן באַנק איך זיץ
און פאַרגעס דעם אַרום,
פאַרשטעלט פון דער היץ,
זאַפּ לופט פון בלום.

עס פילט זיך פרייער,
נישט געפּענטעט דאָס האַרץ,
ווי געבאָרן, ווי אַ נייער,
אָן טומל, אָן שמאַרץ.

דערביי נעם איך דענקען
וויפל פראַכט מיר פאַרמאָגן,
די נשמה נעמט בענקען,
פאַנטאַזיעס נעמען מיר אַוועקטראָגן.

דער מענטש טראַכט, אָבער ג׳ לאַכט

דער מענטש טראַכט,
אָבער גאָט לאַכט,
דער מענטש דענקט
און אימער בענקט.

ער בענקט נאָך פריינטשאַפט,
זוכט שטענדיק ריכטיקע געטריישאַפט,
דער מענטש וויל טרייסט,
אָבער ווערט אָפטמאָל צושטויסט.

דער מענטש טראַכט,
די האַרץ פאַרשמאַכט,
דער מענטש ווי אַ פליג,
שוואַכער מיט יעדן זיג.

דעם מענטשנס מחשבות,
נאָר היילע קאַטאָוועס,
וואָס ער וויל,
נישט דער ציל.

דער מענטש טראַכט,
און ג׳ לאַכט,
דאָך — דער מענטש דאַרף
שטענדיק דענקען שאַרף.

דער אמת אַרויפגעשוואומען

מיט קלאַפנדע קנעכלעך
שטייט דער באַשולדיקטער
דערשראָקן, אָבער העפלעך,
אויפריכטיק ענטפערט ער.

דער ריכטער אַ שטרענגער,
דער פראָקוראָר ליאַרעמט,

אויך דער הייגער
די הענט וואַרעמט.

פאַלשע עדות שווערן:
— ער איז אַ פאַרברעכער!
פרייהייט אים פאַרווערן,
פאַרגיפטן זיין בעכער.

זיצט ווי אַ לעמל,
פאַרשטאָפּט זיין מויל,
איינגעהויקערט ווי אַ קעמל,
זיין האַרץ הויל.

מען וויל באַרויבן,
אַ בלבול נאָר אויסגעקלערט,
ווערטער וואָס טויגן
ווען קיינער הערט.

גערעכטיקייט איז פאַרשוואונדן,
בלויז מען וויל
צו פאַרשאַפן נאָר וואונדן
איז זייער ציל.

די הענט איינגעקלאַמערט
מיט אייזערנע קייטן,
אין קאָפּ האַמערט
פאַרוואָס מיר טויטן?

טרערן איינצוהאַלטן קוים,
פאַרשטיקן דאָס געשריי,
פון מויל אַ שוים,
וואָס ווילן זיי?

ליגנערישע, שענדלעכע שמוץ
וואַרפט מען אַרויף,
נישטאָ קיין שוץ,
געקומען דער סוף.

אָבער דער אמת
ענדלעך, פּלוצלונג אַרויסגעשוואומען,
אַוועק די קלעמעניש,
די גערעכטיקייט איז אַרויסגעקומען.

פון הימל אַ צייכן
איז באַוויזן געוואָרן,
„אמת" קען דערגרייכן
צו שטילן דעם צאָרן.

די עדות און דער ריכטער
זיינען געבליבן שטאַרק פאַרשעמט,
דער פּראָקוראָר געוואָרן ניכטער,
„אמת" זיין פּלאַץ פאַרנעמט.

דער רעגן

דורך דיקע וואָלקנס קומט דער רעגן,
טראָפּנס פאַלן שווערע און דינע,
פילט אָן טייכן און צעבראָכענע וועגן,
וואַסער רינט פון דאַך און רינע.

טונקל ווערט אויפן גאַס,
מענטשן נעמען לויפן באַדעקונג זוכן,
גרעזעלאַך, פעלדער, נעמען זיך אויסטשוכען,
פאַר קינדער איז דאָס אַ שפּאַס.

דער טראָפּן קלאַפּט אין פענצטער אָן
אַ גוטע בשורה דעם מענטשן אָנצוזאָגן,
עס קומט באַלד זומער סעזאָן,
פון ווינטער מער זיך נישט באַקלאָגן.

דער מענטש צופרידן זיצט אין הויז,
טריקנט זיינע קליידער ביים אויוון,
דאַרף מאָרגן גיין אין פעלד אַרויס,
צו אַקערן איז שוין צייט אָנצוהויבן.

דער מאַמעס אַ קרעכץ

דער מאַמעס אַ קרעכץ
רייסט דורך די הויז,
עס מיינט קיין שלעכטס,
נאָר אַ נשמה ברויז.

אַ קרעכץ פון דער מאַמען
דרינגט טיף אין האַרצו אַריין,
בלאָז אויף פאַרלאָשענע פלאַמען,
ברייגנט אין פינצטערניש אַ שיין.

פון מיין מוטער דער קרעכץ
אויפגעוועקט מיר פון שלאָף,
זיך צו האַלטן רעכטס
אויף דעם איך איצט האָף.

אַ קרעכץ פון אַ מאַמען
אויפטאָן קען מען
ווי אייזערנע צאַמען
אָפּצוקערן פון אַ נאַרישן באַגער.

דעם קרעכץ האָב איך באַהאַלטן
אין געהיימניש טיף
צווישן די נשמה שפּאַלטן
פון וואו אַ טרער גיט אַ טריף.

דער מאַרש צום טויט

עס גייען קאָלאָנעס, עס גייען קרבנות,
פינצטער, חשך איז די נאַכט,
דער ווינט רייסט אַלע שלעסער, דער פראָסט שנייט ווי אַ מעסער
מיר גייען פון מערדער באַוואַכט.

איר גייט אַוועק און איך זע אייך קיינמאָל ווידער,
איר גייט אַוועק אין אַזאַ וויטן מדבר,

מיר בלייבן דאָ, אונדזערע מערדער צו באַדינען,
מיט אונדזער שווייס ביי זיי מיטלייד צו געפינען.

דער הימל, די שטערן,
זיי לאָזן זיך נישט הערן,
דאָס איינציקע וואָס אונדז באַגלייט
זיינען די פון טויט.
שוואַרצע וואָלקנס ציען שטום
מיט שרייענדע וואָראָנעס אַרום.

פאַרמאַטערט, פאַרקווועלט פון סאַדיסטן און קעלט,
עס ברענט די פאָכעדיגע רוט, נישטאָ מער קיין גוט,
אַלעמען און אַלעס אָנגעוואָרן,
די היים מיט דער פאַמיליע צונישט געוואָרן.

איר גייט אַוועק און איך זע אייך קיינמאָל ווידער,
איר גייט אַוועק אין אַזאַ וויסטן מדבר,
מיר בלייבן דאָ אונדזערע מערדער צו באַדינען,
מיט אונדזער פּראַצע ביי זיי מיטלייד צו געפינען.

העלדן

אַ „העלד" רופט זיך דער
וואָס זוכט נישט לויב,
קעמפט נישט צוליב באַגער
און האָט פיינט רויב.

זיין פאָלקס ווירדע נאָר ער זוכט,
לאַנד זאָל זיין באַשיצט,
בויען און שניידן פרוכט,
נאָבעלע אייגנשאַפטן ער באַזיצט.

דאָס איז דער העלד
מיט וועמען מיר שטאָלצירן,
אַ כבוד פאַר דער וועלט
איז ווערט אַרמייען צו פירן . . .

האָב ליב דיין חבר ווי זיך אַליין

ווי אַ גלאַטער אייז־וועג
זיינען דעם מענטשנס טעג,
ווען איינער וויל זיין פוס אויפן אייז שטעלן
וואו אַרום אים זיינען דאָ נאָר גלאַטע שטעגן.

ווען איינער גייט אויפן אייז שפּאַצירן
און האָט נישט ווער עס זאָל אים פירן,
דאַן זוכט ער הילף אויף אַלע זייטן,
אָבער יעדער איז אויף זיין רוף פון ווייטן.

עס איז בלויז אַ געווירבל פון אייזיקע פּלעצער
וואָס קוקן אים אוים ווי בלוט העצער,
ער פילט זיך אומפייאיק ווייטער צו גיין,
ער פילט זיך עלנד ווי אַ שטיין.

ער מוז זיך צוריק פון זיין אָרט ציען,
אָבער דאַן נעמט ער צו דער ערד פליען
און דער אייז נעמט פון אים לאַכן:
— זע, וואָס קענסטו אַליין קעגן מיר מאַכן?

וואו ער גיט זיך אַ קער,
נישטאָ קיין מנטש, געבליבן מער,
זיין רוקן ווערט פון שטורעם געבויגן,
ער ווערט צו דער ערד געצויגן.

אָבער ווען ער גייט מיט אַ צווייטן צוזאַמען,
דאַן גייט ער זיכער אין שטאַרקע ראַמען,
ווייל דער חבר טוט אים היטן,
עס קען אים קיין געוויטער פאַרשיטן.

ער פילט גוט צו זיין נעבן נאָך איינעם
און זיך מער נים שרעקן פאַר קיינעם,
ווען ער טוט זיך אויסגליטשן,
קען אים זיין חבר באַשיצן.

אַזוי איז דעם מענטשנס לעבן,
אַרום בלויז בלוטיקע ווינטן שוועבן
און די כוואַליעס פון דער גרויזאַמער וועלט,
זיינען מיר איינגאַנצן דערציטערט און פאַרשטעלט.

בלויז הונגעריקע וועלף טוען אויף אונדז ברילן,
ווילן זייערע ציינער אין אונדזער פלייש פילן,
און וואו מיר זאָלן זיך קערן,
טוען זיי אונדזער בלוט באַגערן.

אָבער ווען מיר וועלן זיין פאַראייניקט,
פון קנאה, פיינטשאַפט גערייניקט,
וועט אונדז קיין טיראַן פאַריאָגן
און קיין באַרבאַר שלאָגן.

די חכמים זאָגן „ואהבת לרעך כמוך ממש",
דיין חבר פאַר דיר איז נישט קיין שמש,
וואָס דיר איז נישט ליב,
דיין חבר אויך נישט גיב.

נישט טו דיין חבר צו דער זון וואַרפן,
דו טוסט נאָר פאַר זיך אַ שווערד שאַרפן,
זע דיין חבר נישט צו קריינקען,
אין פרייד און ליידן אים געדענקען.

דו דיין חבר דאַרפסט האָבן,
ער ראַטעוועט דיר פון רויבערישע ראָבן,
ווייל ווי אַ גליטשיקער אייז־וועג
זיינען דעם מענטשנס טעג.

ווער נישט פאַרפירט

ווער נישט פאַרפירט
פון אַ פאַלשן שמייכל,
נעם אויף מיט געפיל,
נוץ אויך שכל.

זע דיין צוקונפט קלאָר,
באַטראַכט אַליין דיינע פּלענער,
אַלעם היינגט אויף אַ האָר,
שפּיל נישט פאַלשע טענער.

ווער נישט פאַרהיפּנאָטיזירט
פון אַ גלאַטן מויל ,
דערפאָלג איז באַזירט
אויפן אייגענעם אויסוואַל.

ווינטער

דער ווינטער אויפן שוועל,
אויף די וועגן שניי,
מיט אַ מאַנטל און פעל
די מענטש גייט.

אַ גרויסע זאַווערוכע אין דרויסן,
דער פראָסט שטאַרק ברענט,
איינזאַם און פאַרשטויסן
אַ מענטש פאַרשפּאַרט צווישן ווענט.

גליטשיק און אייזיק
יעדע שטיקעלע ערד,
דער לעבן גרייזיק
היינגט אויפן שוועל.

דער קאָפּ פאַרוויקלט,
פאַרשטאָפּט די אויערן,
די הערצער פאַרריגלט
מיט אייזערנע טויערן.

ווער קען איצט לאַכן

דער געלעכטער פון אַמאָל
פון געזיכט פאַרשוואונדן,
איצט יסורים אָן אַ צאָל
אַרומגעוויקלט מיט טיפע וואונדן.

דער לאַכן פלעגט קלינגען,
האָט אָפגעהילכט זייער ווייט,
פאַר פריילעכקייט און זינגען
איז געווען שטענדיק צייט.

דער לעבן פלעגט אָנפילן
די הויז אין גאַס,
מוזיק זיך געהערט שפּילן,
יעצט זיינען די אויגן נאַס.

ווער קען איצט לאַכן
ווען טרערן אין האַלדז שטיקן,
נאָך אַזוי פיל צער דורכמאַכן,
ווער דערוואַרט דעם גליקן ? ?

זוך דעם אמת

דער מענטש זוכט
שטענדיק דעם אמת,
געניסן פון פרוכט
וואָס איז אָן אַ רמז . . .

נישטערט דער מענטש
אין וועלטן ברייטע,
אין פוסטע קרעניץ,
אין וועגן פאַרדרייטע.

נאָר נישט דאָרטן
איז דער פלאַץ

וואו מען קען דערוואַרטן
צו געפינען דעם אמת'דיקן שאַץ . . .

אין ווינקעלעך קליינע,
אין סטעזשקעס איינזאַמע,
באַהאַלט דאָס ריינע
„אמת" דאָס סאַמע . . .

חנוכה אַלס סימבאָל

חנוכה איז אַ סימבאָל
פון מוטיקן אויסדויער,
מיט אַ קליינער צאָל
באַשיצט דעם טויער.

נישט נאָר פיזיש
געוואָלט זיי אומברייינגען,
אויך אַ גייסטיקן קריזיס
אין זיי געזוכט אַריינצעברייינגען.

פאַרווערט די הייליקע געבאָטן,
פאַרניכטעט זייער הייליקטום,
ווי אַ שוואַרצער שאָטן
נאָכגעלאָפן זיי אומעטום.

רשעים באַשלאָסן צו פאַרטיליקן צדיקים,
זיך פאַרמאָסטן סודות אונטערצעגראָבן,
ווילדע, גרויזאַמע מזיקים
די לאַנד געוואָלט האָבן.

אָבער דער בעל־רחמנות
האָט זיינע קינדער באַשימערט,
די „מכביים" מיט קנאות
דעם ביטערן פיינט געשטורעמט.

זיך נישט אונטערוואָרפֿן
אַ פֿרעמדע געצנדינערישע הערשאַפֿט,
אַלע פֿאַרשלאַגן אָפּגעוואָרפֿן
און אומריינקייט אָפּגעשאַפֿט.

ריינע קעגן אומריינע געקעמפֿט,
דער שונא געווען גרויס,
דעם „בית המקדש" פֿאַרשעמט,
אָבער „יהודה" געגאַנגען פֿאָראויס.

רוצחים פֿון לאַנד פֿאַרטריבן,
די הייליקע ערטער אויסגעריייניקט,
קיין טומאָה דאָרטן געבליבן,
אַלע יידן געוואָרן פֿאַראייניקט.

אַ גרויסן „יום־טוב" געמאַכט,
פֿאַקלען איבעראַל אָנגעצונדן,
זיך פֿאַרווײַלט און פֿאַרבראַכט,
פֿאַרהיילט געוואָרן אַלע וואונדן.

און געשען איז אַ וואונדער
מיט בוימאייל אַ קריגל,
געשטאַנען אין אַ ווינקל באַזונדער,
פֿאַרשטעלט דורך אַ מלאָך'ס פֿליגל.

דער קריגל איז געווען
פֿון הענט נישט באַרירט,
די מערדער האָבן עס פֿאַרזען,
מיט בלוט נית פֿאַרשמירט.

די בוימאייל געווען גענוג
גאַנצע „אַכט־טעג" צו ברענען,
כאָטש ווייניק אין קרוג
אויף „איין־טאָג" געווען.

דערפֿאַר איז געוואָרן באַשטימט
צו האַלטן „יום־טוב" די „אַכט־טעג"

„חנוכה" געוואָרן איז באַרימט,
עם ישראל אין תורה וועג.

חנוכה

חנוכה, דער סימבאָל
פון הייליקע גבורה,
אויף בערג און טאָל
געקעמפט פאַר תורה ומסורה.

חנוכה איז אַ צייכן
פון אומגעהויער מוט,
שונאים נישט געקענט דערגרייכן
צו פאַרגיסן יידיש בלוט.

חנוכה איז אַן אָנדענקונג
פון העלדישע מאַרטירער
וואָס האָבן געבראַכט באַלייכטונג
אַלס פאָלקס פירער.

חנוכה מיט דער מנורה,
האַנט ביי האַנט
אַ דאַנק צום בורא!
פאַר דער באַפרייטער לאַנד.

טרערן

טרערן וואַשן אויס
אַ מענטשנס נשמה,
טראָפּנס פון אויגן אַרויס
קען דינען אַלס נחמה.

טרערן, אָפטמאָל גוט
אויסצורייניקן דעם געדאַנק,
עס קען צוגעבן מוט,
טרערן אַמאָל אַ געשאַנק.

טרערן קען פאַרשענערן
מאַכן דאָס לעבן זיס,
צרות „זיי" פאַרקלענערן
טרערן זיינען אַ פרייד און טרויער געמיש.

מיין מוטערס געבעט

טונקל אין הויז,
שאָטנס פלאַטערן אַרום,
„שבת" גייט אַרויס,
מערקט זיך אומעטום.

זיצט די מאַמע
אין געדאַנקען פאַרטיפט,
אַ וואונדערלעך שיינע דראַמע,
באַצויבערענד און פאַרבליפט.

אירע בליקן אָנגעשטרענקט,
צום הימל געצילט,
אַ רואיקע שטילקייט הייגנט,
אומהערבאַרע מוזיק שפּילט.

דער געזיכט בלאַס,
איידל ווי אַ מלכה,
די אויגן נאַס,
פרעכטיק ווי אַ ליאַלקע.

אירע ליפּן שעפּטשען
אַ געבעט צום האַר,
באַגלייט דורך זיפצן
פול מיט צער.

אָ גאָט שיינק
פרנסה און געזונט
דיינע גלויביקע געדענק
צוליב אברהמ'ס בונד.

מיינע קינדער באַשירעם
זאָלן זיין פרום,
גדולה און גבירים
נישט טאָן קרום.

דיין פאָלק אַ ברכה
פון אויבן שיק
אין זייער מלאכה
זאָלן האָבן גליק.

לייז זיי אויס
פון אַלע פּיין,
גאָט איז גרויס,
אויף אייביק מיין.

ניט אומזיסט

ניט אומזיסט אונדזער בלוט
אַלעס ווערט גענוי פאַרצייכנט,
פאַל ניט פון מוט,
בלוט ווערט גערעכנט.

ניט אומזיסט בלוט געגעבן,
יעדע זאַך ווערט באַצאָלט,
באַרבאַריזם ווערט ניט פאַרגעבן,
אַ געניטע האַנט בילד געמאָלט.

ניט אומזיסט בלוטיקע יאָרן,
באַלוינונג וועט קומען באַשטימט,
האָסט נאָך ניט אָנגעוואָרן,
דער לעצטער נאָר געווינט . . .

ניטאָ מער קיין צוריק

ניטאָ מער קיין צוריק,
אַלעס אָוועקגעשוואומען און אַוועקגעלאָפן,
צעבראָכן געוואָרן דער בריק,
לעבן האָט זיך איינגעבויגן.

ניטאָ מער קיין צוריק,
בערג, פעלדער פאַרשטעלן אינמיטן,
שווער צו געפינען ווידער גליק,
די האַרץ שרעקלעך צעשניטן.

ניטאָ מער קיין צוריק,
פייערדיקע שטורעמס בלאָזן נעמען,
די וואַנט זייער דיק,
אַריבערקלעטערן אוממעגלעך צו קענען.

ניטאָ מער קיין צוריק,
מיט דעם „עבר" זיך געזעגן,
אין נשמה גיט אַ דריק,
פאַרשאָטן זיינען אַלע וועגן.

ניטאָ מער קיין צוריק,
די אַלטע היים אָפּגעווישט,
בוי אַ נייעם אומברעכבאַרן בריק,
פאָראויס! גיי ניט צוריק.

ריידן

„ריידן" האָט אַ דאָפּעלטע אויפגאַבע,
קען מאַכן נאַריש און קלוג,
שאַפן קענען מענטשן אַן אָנקלאַגע,
אָבער אויך פאַרזיכערן פון באַטרוג.

„ריידן" קען די וועלט איבערקערן,
עס קען אויך אַלעס אויפשטעלן,

עס פֿאַרשאַפֿט טרויער און טרערן,
אויך מוט לעבן צו וועלן.

פֿאַסיקע רייד טרעפֿן צום ציל,
אומנוצלעכע ווערטער טוען זייער באַנג,
„ריידן", נישט קיין קינדער שפּיל,
„ווערטער" האָבן אַ געפֿערלעכן וויטן אָפּקלאַנג.

עס קען בויען און פֿאַרניכטן,
פֿאַרערגערן שטאַרק און פֿאַרבעסערן,
ברענגען אומגליק, אָבער אויך פֿאַרריכטן,
עס פֿאַרקלענערט, קען אויך פֿאַרבעסערן.

עלנד

אין עלנד איך זיץ,
אין עלנד איך לעב,
פֿאַרשוואונדן דער אַלטער וויץ,
פֿאַרכאַפּט דורך אַן אומעטיקע וועב.

אין עלנד איך שטיי,
אין עלנד איך ליג,
גאַנץ אַליין איך גיי,
לעבן איז ווי אַ וויג . . .

אין עלנד שווער,
אָפּטמאָל זייער שלעכט,
עס איז נישטאָ ווער
וואָס זאָל געבן גערעכט.

דעם עלנד שייער צוצוגעוואוינען
עס פּלאָגט און מאַטערט,
עס ווילט זיך וויינען,
אומזיסט צייט ווערט געפּאַטערט.

פאַרשוואונדענע יוגנט

אָ דו בליענדע יוגנט,
פרייד אָן טוגונט,
פרעכטיק און גליענד,
מיט אַ נשמה אָנציענד.

שיינע האַרמאָניע,
הערלעכע סימפאָניע,
מיט לעבנס־לוסט,
גלענצנדע גענוס.

אַוועק אָן צו געניסן
פון יוגנט דעם זיסן,
נישט געלעבט, נישט געשטאָרבן,
נישט געשאַפן, נישט דערוואָרבן.

פאַרלאָפן די הימלען בלויע,
געבליבן בלויז אַ האַרץ אַ רויע,
פאַרדעקט דורך שווערע כמאַרעס,
געביסן פון גיפטיקע קאָמאַרעס.

די יוגנט צעבלאָזן,
אויסגעפליקט די ראָזן,
פאַרשוואונדן די יוגנט צייט,
אַלעס שוין ווייט, ווייט.

אָ ווי איך וויל דערפילן דעם טעם
באַגלייט מיט אַ ברויזענדן סם,
אָ ווי איך בענק נאָכן יוגנט־געטראַנק
וואָס איז פון גאָט אַ געשאַנק.

קינדער דערציאונג

קינדער צו דערציען
איז אַ גרויסע קונסט,
זיי זאָלן בליען
פאַדערט זיך מער ווי אַ וואונטש.

פינקטלעך און איבערגעבן,
נעמט גוט אין אַכט,
אין זייער דענקען און שטרעבן,
טיפער ער זיך פאַרטראַכט.

ווי אַ צווייגל, אַזוי אַ קינד,
ער לאָזט זיך בויגן
פון הענט און ווינד,
צו אַלעם קען ער טויגן.

פלאַנצט אין אים איין
צו לעבן ערלעך און גוט,
פירט אים פאָרזיכטיק אַריין
אין זיין צוקונפט מאַרשרוט . . .

ניט דערפילט די אויפגאַבע

אַוועקגעלאָפן טעג און יאָרן,
געפין זיך אין אַ שווערער לאַגע,
פון מיינע חלומות גאָרנישט געוואָרן,
ניט דערפילט די אויפגאַבע.

מען האָט געזאָגט אויף מיר
דאָס איך וועל פראָגרעסירן הויך,
יעצט אָבער געפאַלן אָן אַ שיעור,
די נביאות אַוועק מיט דעם רויך.

עס פאַרדריסט זיך פיל,
אָבער מען קען נישט צוריקכאַפן,

װען מען לעבט אָן אַ ציל,
מוז מען זיך שטענדיק צעקלאַפּן.

נישט געקאָנט פריער באַשליסן
מיט װאָס אַ לעבן אָנצופאַנגען,
דערפאַר מוזן יעצט טרערן פליסן
פון טרויעריקע נידערשלאָגענע געדאַנקען.

נישט דערפילט די אױפגאַבע
װאָס איז אױף מיר אַרױפגעלייגט,
עס איז אַ ביטערע אָנקלאַגע,
דערפאַר בין איך יעצט געאײנגט.

ליכטיק אין הויז

דורך אַ לייכטן דריק פון קנעפּל,
װערט די הויז ליכטיק,
אַ מאַמע נעמט פאַרקעמען קינדס קעפּל,
זאָל אויסזען זויבער און ציכטיק.

װען די הויז נישט ליכטיק,
װירקט אויפן מענטשלעכן גייסט,
קיין זאַך װערט געטאָן ריכטיק,
דער מענטש צו העלקייט שטרעבט.

„פינצטערניש" איז דער גרעסטער אומגליק,
דער מענטש זעט נישט זיך,
מען קען נישט אָפּהאַלטן אַ זיג
און יאָרן לויפן אַװעק גיך.

די װעלט װאָלט אַנדערש אויסגעקוקט
װען ליכטיקייט װאָלט געהערשט,
דער װאָלף װאָלט נישט פאַרצוקט
די שעפּסעלע װאָלט רואיק אַרומגעשפּאַנט אומעטום.

פרייד

„פרייד" דאַרף
אויסערגעוויינלעכן קוראַזש,
ברענגט זאַנהאַפּט
בעסטער מאַסאַזש . . .

רואיק געניסן
פון גליקזעליקייט
פרוכט פאַרזיסן
ענערגישע טעטיקייט.

„פרייד" דאַרף
יעדע באַשעפעניש
ווי אַ האַרץ
צו צעבלאָזן קלעמעניש.

נישט לייכט
צו געפינען פרייד,
מענטשהייט ווייכט
פון פאַלשע רייד.

אַ אייביקע געהיימניש,
טורעם פאַרשלאָסן,
נישט היימיש
און אַוועקגעלאָפן.

מיין שטערן

אַ שיינע הערלעכע נאַכט,
לויכטנדע שטערן פינקלען,
יעדער ווערט פאַרטראַכט,
אויגן נעמען בליטצען.

מיליאָנען, ביליאַרדן שטערן
טוען וואונדערבאַר ווינקען,

הימלישע פּראַכטפולע רעדן,
אַ זיסקייט גיבן טרינקען.

איין שטערן אָפּגעזונדערט
בליסטשעט מער שיינענד,
ער קוקט געענדערט,
זוכט ווערמען דערשטוינענד.

דער שטערן מיר געהערט,
ער וויל נידעריק אַראָפּגיין,
נאָר אַ האַנט אים שטערט
וואָס זאָגט אים „ניין".

דער שטערן איבער מיר וואַכט,
ער קוקט נאָך מיינע יעדע טריט,
ער וואָלט מיר גליק געבראַכט,
נאָר פון אויבן . . . מען היט.

ער אָבער מיר פאַרשפּרעכט
דאָס ער וועט מיר פאַרטיידיקן
מיין לעבן און מיין רעכט
מיט באַלזאַם היילן מיינע וואונדן.

מיין לעצטער באַגער

מיין לעצטער באַגער
צו דער וועלט,
געדענק און העֶר
וואָס דו האָסט פאַרפעלט.

געלערנט האָב איך
פון מיין דערפאַרונג
אַז ניט נאָר זיך
דאַרף מען געבן נאַרונג.

דער מענטש נישט אַליין,
ריזיק איז די ערד,

זע זיך צו פירן שיין,
נעם וואָס דיר נאָר באַשערט . . .

איך האָב געגנוג
פיל פעלערן געמאַכט,
צו שפּעט געוואָרן קלוג,
מיין לעבן אומגעבראַכט.

פאַריכטן איז שווער
וואָס איך האָב צעשטערט,
אָבער מיין לעצטן באַגער
הער דו וועלט, הער.

קלער זיך אַריין

דו מענטש,
קלער אַריין,
גאָט בענטש
פאַר קענען זיין.

טיף אומגעהויער
איז נאַטור,
דער צושויער
געפינט קיין שפּור.

אַלעם פאַרהילט,
שטאַרק קאָמפּליצירט,
פינצטערניש אָנגעפילט,
מח ווערט פאַרפירט.

קלער זיך אַריין
דענק מער,
וועלט איז דיין,
איר — נישט צעשטער . . .

אַ קראַנקע נשמה רעדט

אַ קראַנקע נשמה רעדט,
נעמט זיך דערמאָנען,
די האַרץ בעט,
שווער איר צו דערקאָנען.

ווען געזונטע געווען,
נאָר פאַרגעניגן געזוכט,
קיינעם נישט געזען,
העלפן ניט פאַרזוכט.

שטאַרק ווי אייזן,
וואָס קען שאָדן,
לעבן פול גרייזן
זיכער אויפן באָדן.

זיך נישט פאָרגעשטעלט
דאָס פאַסירן קען,
אַריבער זאָל אַ קעלט
און אַן אומגליק געשען.

וואָס קען רירן?
ווער קען צונעמען?
גאַנץ אַלע געהירן,
גאָרנישט טוט קלעמען.

מיט די פיס געטראָטן
אויף מענטשן שוואַכע,
פון יעדן אָפּגעשפּאָטן,
שטענדיק געזוכט ראַכע.

נישט געוואָלט הערן
פון קיינעם אַ ראַט,
צעפרידנקייט און „צעשטערן"
פרייד און געוואַלד.

איינגעשלאָסן אין זיך,
געאָטעמט מיט קראַפט,
איבער אַלעם „איך",
שלעכטקייט" גליק פאַרשאַפט.

ער לאָזט נישט אויפן געדאַנק
צו טראַכטן פון אַ רעגנדן טאָג
דאָס מען קען זיין קראַנק,
זיין נשמה ביטער פאַרשעמט.

אָבער ווען דער טאָג קומט
ער געפינט זיך אויפן בעט,
זיין חוצפה ווערט פיינלעך פאַרשטומט,
אָבער „חרטה" קיינמאָל שפּעט.

און אויפן קראַנקן געלעגער
אַ הייליקן נדר ער מאַכט:
נישט מער זיין קיין יעגער
געניוג אין פוסטקייט פאַרבראַכט.

„ווען איך וועל פון קראַנקהייט אויפשטיין,
וועל איך מיינע וועגן מער פאַרשענערן,
מיין לעבן וועט זיין ערלעך ריין
און מיין שלעכטע האַנדלונג זען צו פאַרבעסערן.

אָפּשייד פון אַ סאָלדאַט

מיט טרערן אין די אויגן,
מיטן זעקל אין האַנט,
שטייט דער סאָלדאַט איינגעבויגן,
דער פּנים אויסגעדרייט צום וואַנט.

טאַטע, מאַמע, זייט געזונט,
איך וועל שנעל זיין צוריק,
קומען גאַנץ אָפט אָן אַ וואונד
אויב איך וועל האָבן גליק.

מאַמע ליבע נישט וויין,
אויף אַ הייליקע מיסיע איך גיי,
ווי קען איך אין דער היים שטיין,
מיין לאַנד אַ טרויעריקן געשריי.

עס איז אַן ערע
און אַ מאָראַלישע פאַרפליכטונג
צו רייניקן די אַטמאָספערע
פון גרויזאַמקייט און פאַרניכטונג.

איר בעט גאָט
פאַר אייער סאָלדאַט
און איך וועל אָפּהיטן זיין געבאָט
ווי ער האָט געראַט.

און אַרויסגיין וועל איך אַ זיגער
נאָכן צעשמעטערן דעם פיינט,
געקעמפט ווי אַ זיגער
צו פאַרטיידיקן דעם מאָרגן און היינט.

לעב גליקלעך, שוועסטער ליבע,
זיי שטאָלץ און מוטיק,
טרייסט אַ היים הערצער טריבע,
דער וועג איז נישט שטענדיק בלוטיק.

בן תורה

דער בחור פון ישיבה
זיצט און לערנט פלייסיג,
דאָס איז זיין סביבה
וואו ער לערנט רוישיג.

„תלמוד" איז זיין פאַרלאַנג,
זיין פרייד אין אַסבראָ
צום קוואַל געפינען אַ צוגאַנג
דורשטיק צו טרינקען „חקירות" קלאָרע.

זיין שכל שנעל בליציק,
די קאָפּ אַרבעט טיף,
ער ווערט זייער היציק
צו פאַרענטפערן אַ שווערן „ריף".

אַ יש „לישב" פון מהרשאָ"
פּלאַנט ער צו פאַרשטיין,
פּערלדיק איז זיין דרשה,
זיין שטימע פול חן.

אין זיינע „פיר ווענט"
נעמט ער אומשפאַנען,
זיין נשמה פייערדיק ברענט,
גריבלט זיך אין „רמבן".

פון דער וועלט אָפּגעשיידט,
„לוקסוס" נישט פאַר אים,
זיין גרויסער מח דרייט
אין שאַרפקייט פון „רים".

וואָס זיינען נאַרישע באַגערן
ווען אייביקייט ליגט אין „רמבם",
זיין אויער אָנגעשפּיצט צו הערן
אַ קלאָרן פשט פון מהרם".

ערדישע פאַרלאַנגען אים דערווידער,
אין „רשבאָ" ער שוועבט,
קרעפטיק ווערן זיינע גלידער
ווען ער אַ חידוש טרעפט.

מיט מוסר יעדע באַוועגונג
צום שטייגן ער צילט,
„נשמה"־פרידן זיין שטרעבונג,
מיט „יראת־שמים" אָנגעפילט.

נעכט אָן שלאָף, טעג אָן רו,
דאָס גיט אים ניט קיין קימער,

צום צוקונפט אים ציט, ווייט אַהינצו . . .
אין לערנען דענקט ער אימער.

שמעקנדיע קראַנצן פלעכט ער צעניות,
„יסודות געזונטע" וויל ער אויפשטעלן,
דער מענטש דאַרף גיין אַרויף,
„אמת" טאָר אים נישט פעלן.

זיין ניגון ער זינגט
אָנגעפילט מיט גרויס עקסטאַז,
די „ישיבה" הערליך קלינגט,
פאַרקלערט ווערט ער אין „ט"ז".

זיין קערפער ער פייניקט,
לערנען איז זייער וויכטיק,
זיין נשמה ער הייליקט,
אין האַרצן אַלעמאָל ליכטיק.

מיט אַ פאַרקאַאַן ער זיך אַרומגעצוימט,
אַ צוים פון „סיגים" און גדרים,
פון „גאונות, צדקות" ער טרוימט,
זיין וויל ער אַ בקי ועוקר הרים.

וואָס מען וויל, דאָס מען ווערט . . .
וואָס מען זוכט, געפינט מען,
די ברויזנדע כוואַליעס ברומען,
אָבער אים דאָס נישט אַרט.

זיין היילונג ער געפינט
אין אַהלכה פון „יורה דעה",
ער אַרבעט זייער געשווינט
אויסצוגעפינען די „כשרות הריאָה".

שטורעמס קענען אים נישט אומוואַרפן,
וואָלקנס מאַכן אים נישט פינצטער,
„ער" זיין קאָפּ טוט אויסשאַרפן,
עס שרעקן אים נישט קיינע געשפענסטער.

„כבוד״ גיט ער זיין רבין,
דער רבי באַצירט זיין געצעלט,
„ער״ האָט דורכן רבי׳ן ביידע וועלטן,
מיטן רבי׳ן „אים״ קיין זאַך פעלט.

„ער״ איז זיך מקריב פאַר תורה,
„ער״ זאָרגט נישט פאַר דעם מאָרגן,
מיט אים איז דער בורא
און וואָס זאָל ער זאָרגן?

בטחון בהשם

אויף גאָט זיך פאַרלאָז,
ער איז דיין באַשעפער,
גיי נישט מיט אַרונטערגעלאָזענעם נאָז
און הער נישט קיין „טרעפער״.

פאַרלאָז זיך אויף גאָט,
ער איז דיין האַר,
גרויס איז זיין גענאָד
און וועט דיר נישט פאַרשאַפן צער.

אויף גאָט פאַרלאָז זיך,
ער איז דיר געטריי,
אויף פרעמדע וועגן נישט קריך
און דיין קערפער ווערן ווי ניי.

האָב אין גאָט בטחון,
ער וועט דיר נישט אַוועקוואַרפן,
דיין לעבן וועט ניט ווערן צעקראָכן
וועסט דיין „מזל״ אויסשאַרפן.

גריבער

גריבער, גריבער נור,
וואו מען קוקט,
קיין לעבהאַפטער שפור,
וועלף האָבן פאַרצוקט.

קוקסט אויף מזרח,
גריבער דו זעסט,
בייגסט זיך צו מערב,
אַ מורא דיר פרעסט.

שטעלסט זיך צפון,
אויף אַ גרוב טרעסט,
לייגסט זיך שלאָפן
אויף אַ שוואַרצן נעסט.

אַ דריי צו דרום,
פאַרגלאָצטע אויגן ווינקען,
וואַלגערט זיך אָדעם,
האַרץ נעמט זינקען.

אין חלום „גריבער",
אין וואַרהייט „לעבער",
אַ שוידער גייט אַריבער
פון גרויזאַמען בעבער.

אוי ווער, גוואַלד,
אַן ענדע מוז נעמען
שנעל און באַלד,
שונא דאַרף ברענען.

תשעה באב

דעם פּרוכת אַראָפּגעצייגן,
די בענק איבערגעקערט,
מענטשן זיצן איינגעבויגן,
„איכה" מען הערט.

די שול איינגעהילט
אין אַ טיפן טרויער,
צער יעדער פילט,
צעשטערט דעם „מויער".

אויפן בימה אינמיטן,
דער חזן לייענט,
קיינעם נישט אויסגעמיטן,
„איכה" הערסט שרייענד.

דער ניגון רייסט,
דער ייד קרעכצט,
ליפּן ער בייסט,
נאָך טרייסט לעכצט.

„איכה ישבה בדד",
אַזאַ הערלעכע שטאָט,
אַוועקגענומען דיין גענאָד,
נישט געפּאָלגט געבאָט.

„בכה תבכה בלילה",
טרערן אויפן באַק,
נישט אויף אַ ווײַלע,
אויפן קאָפּ אַ זאַק.

די ליכטל צאַפּלט,
האַלט ביים אויסלעשן,
ירושלים זיך וואַקלט,
שונאים אונדז פרעסן.

„נחפשה דרכינו ונחקרה",
באַניי אונדזער זיג
צום גלות מורא
מוז נעמען אַ ברעג.

ראש השנה

פאַר אַ גאַנצן מאָנאַט אלול,
דער מענטש זיך צאַפּלען נעמט,
מיט חרטה ער פול
און טוט תשובה פאַרשעמט.

דער אַלטער יאָר שפּרייזט אַוועק,
דער נייער יאָר אויפן שוועל,
נאָר אַ פּאָר געציילטע טעג,
דער „יום־הדין" קומט שנעל.

דער קערפּער געזונט און פריש,
אָבער די נשמה שטאַרק שמוציק,
וועלטלעכע תענוגים זייער זיס,
נאָר פאַר דעם גייסט אומנוציק.

געגרייט איז שוין דער טראָן,
דער קעניג רופט זיינע באַדינער,
דער לעבן שטייט אין קאָן,
נישט אַלע קענען זיין געווינער . . .

אַראָפּוואַרפן דעם ברודיקן לבוש,
מיט אַ ריינע האַרץ זיך צו פאַרפוצן,
נישט זוכן צופיל געניגום
און די צייט ריכטיק אויסנוצן.

דער שטן האַלט אָפן אַ נעץ,
דער מענטש זוכט נישט אויסצומיידן . . .
ער ברעכט דעם הייליקן געזעץ
און פאַרשאַפט זיך אומזיסטע ליידן.

פיל מאָל ווערט געבלאָזן שופר
צו פאַרשטומען דעם שטן,
דער מענטש איז עפר ואפר,
פון זיך אַליין טוט אָפּשפּאָטן.

דער מענטש מוז טאָן תשובה,
צייט לויפט, קומט נישט צוריק,
גאָט זאָגט צו ישראל „שובה",
איבער דעם „יצר הרע" דר זיג.

יום כפור

די נשמה נעמט פלאַטערן
די האַרץ ווערט אויפגערעגט,
דער מח טוט מאַטערן,
שלאָפנדע געדאַנקען ווערן אויפגעוועקט.

אַ פיש ציטערט אין וואַסער,
אַ הייליקער משפט ווערט דערוואַרט,
דער מענטש גייט אַרום אַ בלאַסער,
אַ גאַנצן יאָר געווען גענאַרט.

ווערט ווייס דעם אויסגאַנג,
דער בוך שטייט אָפן,
אַ שמאָלער און טיפער צוגאַנג,
פאַר זינד טוט מען באַשטראָפן.

אין הימל אַ ליכט אָנגעצונדן,
אין קיטל זיך איינגעוויקלט,
דער מענטש ווי געבונדן,
מיט שרעק ער אָנגעפילט.

גאָט פירט דריי ביכער:
פאַר צדיקים, רשעים און מיטעלע,
יעדער וויל וואָס גיכער
אַרויסציען אַ גוטן צעטעלע.

פאַסטן, צדקה און בעטן,
דעם מענטשנס גורל באַשטימען,
די צוקונפט זיי רעטן,
פון שלעכטע גזירות קיין סימן.

לעבן

רוישיג, געשווינדט,
ווי אַ נעץ געוועבט,
שנעלער ווי אַ ווינט
דאָס „לעבן" שוועבט.

אין סודות איינגעהילט
דאָס „לעבן" שפּאַנט,
וואו „לעבן" צילט,
בלייבט שטענדיק אומבאַקאַנט.

אין אַ שלייער איינגעוויקלט,
מיט אַ טומאַן באַדעקט,
מיט אַ זיגל פאַרזיגלט,
„לעבן" איז פאַרשטעקט.

יעדער נאָך „לעבן" גאַרט,
מיט האָפענונג און טרוימען,
אָבער „לעבן" איז פאַרשפּאַרט
מיט אייביקע אומזעבאַרע צוימען . . .

מיר אַפּעלירן צו דער וועלט

נאָך פיל וואַנדער־יאָרן,
נאָך דעם לאַנג געבענקטן טרוים,
נאָך דעם חורבן וואָס איז געוואָרן
ווען מען האָט געגלויבט קוים.

דאָס מען וועט ווערן באַפרייט,
איז די ווירקלעכקייט געקומען,
און לעבן האָט זיך ווידער באַנייט,
די מערדער אונדזערע זיינען אַנטרונען.

אָבער ווי אַנטוישט
זיינען מיר געוואָרן
און גלייכצייטיק באַרוישט
באַגלייט מיט צאָרן.

דאָס ביי דעם מאָמענט
האָט מען נאָך געקענט
אונדז די לאַנד נישט צו געבן,
נאָר ווייטער אין חלומות שוועבן.

מיר האָבן געקלערט:
איז דען פאַרווערט
מיר זאָלן עקזיסטירן
און אַ מלוכה פירן?

זיינען מיר דען אַזוי שלעכט
דאָס מען טוט אונדז אומרעכט,
אונדזער פרייהייט ווידער צו פאַרשקלאַפן,
אַוועקנעמען פון אונדז בויען און שאַפן?

האָבן מיר דען נישט גענוג געליטן,
האָט מען דען פון אונדז ווייניק געשניטן,
זיינען מיר דען נישט געווען גענוג קנעכט,
האָבן מיר דען נישט מיטגעמאַכט דעם געפעכט?

קענען מיר דען נישט האָבן אַן אייגענע מלוכה
און לעבן ווי אַלע בשלום און מנוחה?
פאַרוואָס הערט נישט די וועלט אונדזער געשריי,
זעט מען דען נישט אונדזער טיפן וועי?

צווישן לעבן און טויט,
פון הונגער און נויט,
דאָס נאָך יעצט מוזן מיר זיין צעשפרייט,
אַ פאָלק צווישן פרעמדע צעזייט.

וואו איז די וועלט־קולטור?
איז דען פאַרווישט איר שפור,
וואו איז פעלקער־רעכט?
ווי אַזוי קענען מיר ווערן פאַרשוועכט?

וואו איז מענטשלעכער געוויסן?
טאָרן מיר דאָס נישט וויסן,
מיר טוען צו דער וועלט אַפּעלירן:
עפנט פאַר אונדז די „ציון"־טירן!

צוריק אַ פאָלק מיט אַ לאַנד

פיל וואַסערן דורכגעפלאָסן,
דורות אַ סאַך זיינען אַוועקגעגאַנגען,
טייכן בלוט געוואָרן פאַרגאָסן,
ענדלעך דערפילט געוואָרן פאַרלאַנגען.

אייביקע וואַנדערער, טרויעריק געוואַרט,
רו און פרידן אויסגעפעלט,
שטענדיק האָבן פעלקער גענאַרט,
ליכטיקייט האָט מען פאַרשטעלט.

אַ נייער דור איז געבאָרן,
אַ פאָלק האָט צוריק אויפגעלעבט,
דאָס לאַנד אויסגעלייזט געוואָרן,
דערגרייכט צו וואָס געשטרעבט.

מיט דעם פיינט געקעמפט,
אונטער קיינע אומשטענדן זיך אונטערגעגעבן,
מיט פויסטן, הערצער פאַרקלעמט,
פאַרטיידיקט דעם נייעם לעבן.

די שענדלעכע געלע לאַטע,
אַ צייכן געווען פאַר שקלאַפן,
געוואָרן אַ „פאַן" פון אַ שמאַטע,
און אַ מלוכה גענומען שאַפן.

דורכגעפירט גרויסע, שווערע שלאַכטן,
מיליטערישע אַקציעס צום באַוואונדערן,
געשאַפן מען זאָל אַכטן
און נישט מער אָפזונדערן.

ליידיקע הענט קעגן טאַנקען,
ביקסלעך קעגן ריזיקע האַרמאַטן,
נישט געגעסן, נישט געטרונקען,
דאָך געזיגט איבערן זאַטן.

דערשראָקן האָבן זיך קריגער,
איבער ווייטע לענדער צעלאָפן,
„ישראל" אַרוים דער זיגער,
באַלוינונג פאַר טויזנטער יאָרן „האָפן".

From a soul, thrice-tested in the crucible of cruelty, how inspiring are the words that provide man with an island of hope in a sea of uncertainty. The winds of evil with their power of destruction cannot tear from his moorings and sweep away that man whose anchor is trust in G-d.

RABBI HERMAN L. DAVIS

Spiritual leader of
Cong. Lakeview Anshe Sholom Bnai Israel

Chicago, Ill.

Alumni President of the

Hebrew Theological College of Chicago

themselves into thinking that their terrible triumph was something more than temporary and transitory.

These are the poems Rabbi Juzint now presents. To a world unhappy and uncertan, frightened and fearful, he offers from his own bitter experiences the unfaltering, unshaken hope of a religious Jew. In his own words:

Even in the hour that darkest seems
In despair and cloudy weather
From the gloom G-d's brightness streams
Faith and hope holds a nation together;

Though feeling the sharpness of the sword
Hope is still the pass-word,
Through faith life can appear glorious and gay
For rain is usually followed by a sunny day.

His words stand out in magnificent splendor against the background of his life. Rabbi Juzint is one of the few survivors of the renowned Schlabodka Yeshiva and the sole survivor of Shaduvah. When liberated at the age of 22 after four years in the infamous concentration camps, he dedicated his future years to his people. He helped organize the first Yeshiva in Sweden and helped save for Judaism thousands of youngsters who stood on the threshhold of leaving the faith. In his present work as spiritual advisor at the Chicago Jewish Academy and principal of the Rogers Park Branch of the Hebrew Theological College of Chicago, Rabbi Juzint continues to imbue Jewish youth with the eternal values of our people. He, who was forced to witness the murder of his parents and forty of his relatives in Lithuania and who was subjected to the vicious and inhuman tortures of the Nazis, demonstrates in his own life the unconquerable spirit of the Jew.

Rabbi Juzint has already published two volumes of commentaries on the talmud and Bible, which has been extremely well received by educators and scholars. Three more are following. He has also published a booklet in English and Hebrew "General Guide of Ethics and Morals." This volume of poems is the second on this subject, the first was published a few years ago.

All these books will serve as his tribute to the memory of those who gave their lives for the Sanctification of the name of G-d.

PREFACE

The deepest feelings of the human being have often found their expression in song and poetry. Man's emotions have insisted upon expression sometimes in actions, sometimes in words. Certainly triumph and victory have stimulated man to lift his voice in gladness and joy. He burst forth in words that pealed the crashing, booming chords of exultation. This has been a quick and easy reaction, because victory is always so welcome and joy so cherished.

More difficult has been man's time of sorrow. Suddenly the tongue becomes mute and the voice becomes silent. The words were difficult to find, the listeners were loath to hear. The mighty chorus of joy dwindled to a lonely plaintive solo of sadness. Unlike the words of happiness that poured forth in a mighty torrent are now the phrases and sentences that cannot force an invisible barrier. Pain found no words, and, tumbling about in man's tormented body, shook his inner structure and left him in confusion and dismay.

So it has always been with ordinary men. Not so with the Jew. His soul sang its song not only in moments of happiness, but also in moments of sadness. For, since he experienced the presence of G-d in whatever circumstances he found himself, he sang a religious song. The moment of sorrow—and for the Jew it was high in frequency and long in duration, instead of leaving him mute, evoked the deep faith of his people—a people that literally sustained itself on hope. What would have shaken and shattered other people only stirred the Jew to reach down into his inexhaustible store of spiritual strength and proclaim his stubborn, insistent belief in the justice of G-d and its eventual inevitable triumph.

Rabbi Meyer Juzint is an outstanding example of the Jew who drew a bow across the strings of his soul even at a time when his body was racked with pain and suffering. The diabolic designs and devilish devices of the cruel conqueror could not shake his faith in G-d — a faith nourished in the great Torah institutions of Lithuania. His song to G-d was not to be limited to the comfortable circumstances or the pleasant period. Instead it welled up and burst forth even within the confines of the brutality and bestiality of Bergen-Belson. The unconquerable soul of our people sang its song of victory even as the hated oppressors deluded

Man's Body, unlike his spirit, is finite. All of us - man, woman and child - are possessed of limited physical capacity.

In matters of spirit, however, man often rises to limitless heights to serve as an inspiring example of his potential.

The savagery of man caused the Jew the loss of one-third of its manpower in a battlefield of brutality previously unknown. Only through his faith and spirit did the Jew rise to demonstrate to the world that as the end product of 2,000 years of torture and suffering, he could, even in anguish, reflect the infinite quality of man's spirit in the tradition of his culture and heritage.

The author of this book, Rabbi Juzint, personifies this spirit, for though he witnessed the grinding and crushing of the finite corpse of his fellow Jew, he continued to sing praises to his God and to rededicate himself to the faith of his ancestors.

Now, as a poet, a writer, and as an inspiring teacher, he demonstrates that, though the body may be weak, man's spirit can and does soar.

In our national community, where there has been much concern over the frequent success of our enemy nations in "brain washing" the finest of our captured army personnel and officers, to espouse a way of life totally estranged and in conflict with American democratic traditions, we have much to learn from the example set by the author, who grew spiritually stronger, when weaker men might have despaired.

The State of Israel, like the author, Rabbi Juzint, similarly emerged from the degradation of the European holocaust, to serve as an example to other nations that the spirit of man aspires to freedom and that freedom can follow slavery.

We pray that other men may be inspired by Rabbi Juzint, as other nations may by Israel.

RABBI WM. Z. NOVICK

Chicago, Ill.

HYMNS
OF
HOPE

BY

Rabbi Meyer Juzint

CHICAGO